STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02495

LEKSIKON FUN YUDISHE HOKHMES

Isaiah Zlotnik

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לעקסיקאָן פון יודישע חכמות

גוטע ווערטער פון קלוגע יודען

די שאַרפזיניגסטע דבורים, אַנעקדאָטען, גלייכווערטלעך, חכמות און איינפאַלען פון די חכמי ישראל אין דער לעצטער צייט, וועלכע זענען נאָך אין ערגיץ נ״שט פערעפענטליכט געוואָרען.

יעדע חכמה — די יודישע שאַרפזיניגקייט אַליין.

געזאַמעלט פון בעל־פה קוועלען און סטיליזירט:

הרב ישעיה זלאָטניק.

ערשטער טייל.

LEKSYKON ŻYDOWSKICH DOWCIPÓW

Rabina Sz. Złotnika.

Radom — Poland.

איבערדרוקן — אפילו טיילווייז — אהן רשות פון מחבר פערבאָטען.

Drukarnia B-ci Wójcikiewicz, Warszawa, Pawia 10.

געזעצט אויפ'ן „אינטערטיפּ” און געדרוקט ביי בר. וואָיציקעוויטש, וואַרשע

א מתנה

מיין פאָטער הרה"ג ר' מאיר זלאָטניק

רב אין גלאָוואטשאָוו

פון וועמען כ'האָב אַ סך פאָלקלאָר מאטעריאל געשעפּט

אינהאלט:

1) ר׳ חיים וואלאזשינער 5—9
2) דער דובנער מגיד 10—13
3) ר׳ אייזיל חריף 14—18
4) ר׳ יצחק אלחנן 19—24
5) ר׳ ישראל סאלאנטער 25—29
6) ר׳ יושע בער 30—34
7) הנצי״ב 35—38
8) מלבי״ם 39—43
9) ר׳ ברוך מרדכי 44—48
10) ר׳ אליה שיק 49—53
11) ר׳ שמואל מאהליווער 54—58
12) דער קעלעמער מגיד 59—63
13) ר׳ ישעיה׳לע פראגער 64—67
14) ר׳ יהושעלע קוטנער 68—72

.א

ר׳ חיים וואָלאָזשינער

דער בעוואוסטער גאון ר׳ חיים וואָלאָזשינער, איז אריינגעקומען שבת בייטאָג אין בית-המדרש אין געטראָפען דאָרט עטליכע פון זיינע ישיבה-בחורים זיצען, און שמועסען ספורים און פוסטע מעשיות. האָט זיך ר׳ חיימיקע אויף זיי אָנגעבייזערט: ווי פאַסט עס פאַר אייך, בני-תורה, צו פארברענגען אין שבת די צייט מיט אַזעלכע פּלוידערייען? עס וואָלט דאָך שוין פאַר אייך גלייכער געווען, ווען איהר שלאָפט ערשט, דאַן וואָלט איהר כאָטש מקיים געווען דעם ראשי תיבות פון שבת: שינה בשבת תענוג:

איינער פון די ישיבה-בחורים איז דרייסט געוואָרען און אָבגערופען זיך צום גאון: רבי אפשר איז גאָר דער ראשי-תיבות פון שבת שיחה (שמועסען) בשבת תענוג? זענען דאָך א טייל פוסקים מתיר צו ר׳עדען פּאָליטיק און דערציהלען מעשיות אין שבת פאר די יודען וואָס האָבען דערפון א תענוג.

ר׳ חיים האָט דערויף געענטפערט: שלמה המלך זאָגט אין משלי: לב חכם לימינו ולב כסיל לשמאלו. איז דער טייטש דערפון אזוי: דער קלוגער נעהמט דעם שין פון שבת אויף רעכטס (שין ימנית) און זאָגט: שינה בשבת תענוג. דעם טפּש ווידער געפעלט בעסער צו נעמען דעם „שין״ פין שבת אויף לינקס (שין שמאלית) און מאַכט דערפון: שיחה בשבת תענוג.

.2

ר׳ חיים איז אריינגעקומען אין בית המדרש ביינאַכט און געטראָפען דאָרט צוויי ישיבה-בחורים זיצען און שמועסען דברים

בטלים איבער די אָפּענע גמרות. ווען ר' חיים האָט זיי פאַרגעוואָרפען, פאַרוואָס זיי פערברענגען די צייט מיט גאָרנישט, האָבען זיי זיך דאַן פערטיידיגט, אַז זיי שמועסען חלילה נישט קיין דברים בטלים, נאָר זיי דיסקוטירען און בעטראַכטען אַ וויכטיגען ענין: ווי אַזוי אויסצוגעפינען אַ רעכטע עצה כדי צו בעזיעגען דעם יצר הרע ביי זיך. ר' חיים האָט זיך דערייף צו זיי אָבגערופען: אָבער ווייסט איהר וואָס דער יצר-הרע זאָגט אויף דעם? זאָלען זיך די צוויי יונגע לייט מפלפל זיין אין דעם ענין ווי אַזוי מיך צו בעזיעגען, ווי-פיעל זייער הארץ גלוסט. דערוויילע אָבער זענען זיי זיך דאָך מבטל פון לערנען, און דאָס איז פאַר מיר שוין אַ גוט געווינס; מעהר דאַרף איך נישט....

3.

ר' חיים איז אריינגעקומען אין בית-המדרש צו דאַוונען שחרית בצבור. די ישיבה-בחורים, וואָס זענען ביז'ן גאָון'ס אריינגעקומען געזעסען איבער די אָפענע גמרות און געשמועסט, האָבען גענומען לערנען ביים דאַוונען און געשטערט מיט זייערע קולות די מתפללים.

ר' חיים האָט זיך נאָכ'ן דאַוונען צו די לערנערס אָבגערופען: יעצט פיירשטעה איך, וואָס דער תנא ר' יהודא זאָגט אין ש"ס ברכות: הלואי שיתפלל אדם כל היום כולו-הלואי. זאָל אַ מענש דאַוונען אַ גאַנצען טאָג איז דאָך אין פליג שווער: אויב אַ גאַנצען טאָג נאָר דאַוונען טאָ ווען וועט מען ווייטער לערנען?

איז דער תירוץ אַזוי: ר' יהודא האָט געוואוסט, אַז די ישיבה-בחורים לערנען נאָר דעמאָלט, ווען מען דאַוונט. דעריבער האָט ער אויסגעדרוקט דעם וואונש: הלואי וואָלטען יודען געדאַוונט אַ גאַנצען טאָג, וואָלטען דאָך ממילא די ישיבה-בחורים אויך געמוזט דאַן לערנען אַ גאַנצען טאָג...

4.

ר' חיים וואָלאָזשינער האָט זיך אַמאָל שטאַרק בעמיהט צו מאַכען שלום צווישען צוויי פראָסטע יודען. ווען מען האָט איהם

אויפמערקזאם געמאכט, אז זיין שלום-מאכען איז געווען שלא לפי כבודו, האט ר' חיים דערויף געענטפערט: אונזערע חכמים זאגען דאך טאקי אין ש"ס יומא (נ"ג) צריך להפסיע שלש פסיעות לאחורין ואחר כך יתן שלום. — באדיי „צוריקצוטרעטען" עטליכע טריט אבי צו מאכען שלום...

.5

אין א שטעדטיל נעבען וואלאזשין, איז אויסגעבראכען א מחלוקת צווישען יודען צוליעב'ן דארטיגען שוחט אויף וועלכען בייזע צינגער האבען מוציא שם רע געווען, אז ער האט געזאלט שחט'ן א בהמה פאר א קצב און פערגעסען דערביי צו בדק'נען די „ריאה". עס האבען זיך באלד געשאפען דארט צדדים פאר און קאנטרא דעם שוחט, וועלכע האבען געקעמפט צווישען זיך אויף טויט און לעבען. ווען די זאך איז ענדליך געקומען פאר'ן גאון ר' חיים וואלאזשינער אויף אנ'אויסגלייך, האט ער זיך דאן שטארק אנגעבייזערט אויף די בעלי-המחלוקת:

וואס מאכט איהר אזא געוואלדן — האט ער זיך געערגערט. ווען אפילו עס זאל אמת זיין, ווי איהר זאגט, אז דער שוחט האט לגמרי נישט גע'בדק'ענט די ר'אה, האט ער דאך אויך נישט מעהר עובר געווען ווי אויף אנ'איסור מדרבנן, ווייל בדיקת הריאה איז נאר מדרבנן. דאגעגען אבער מחלוקת צו פיהרען, זעהט איהר, איז א פיעל הארבערע עבירה, ווייל מחלוקת איז אנ'איסור מדאורייתא? און ווען אפילו, מיר וועלען גאר אננעמען, אז אייער מחלוקה איז לשם שמים האבען דאך אבער ווייטער אונזערע חכמים אין פרק געזאגט, אז מחלוקת לשם שמים מיינט מען נאר מחלוקת הלל גשמאי. דאס הייסט, אז נאר הלל ושמאי האבען זיך געמעגט ערלויבען צו פיהרען מחלוקת לשם שמים, אבער נישט אזעלכע קליינע מענשעלעך ווי מיר זענען...

.6

פרומע יודען זענען געקומען צו ר׳ חיים׳ן בעקלאָגען זיך אויף די משכילים די פושעים, וואָס זענען מזלזל במצוות און דערפאר געפאָדערט פון איהם, ער זאָל זיי מחרים זיין פון כלל ישראל. ר׳ חיים האָט זיי אזוי געענטפערט:

אין פרשת קדושים שטעהען כסדר די דריי פסוקים: 1) קדו-שים תהיו... 2) איש אמי ואביו תיראו... 3) אל תפני אל האלילים... און צום סוף פון יעדען פסוק שטעהט אלץ: אני ה׳ אלהיכם. אָט די דריי פסוקים זענען לויט מיין מיינונג געגען דריי קאטעגאָריעס יודען.

צו דער ערשטער קאטעגאָריע, די סאמע פרומסטע, זאָגט דער פסוק: קדושים תהיו — זעהר פיין כ׳גיב אייך מיין הסכמה: אני ה׳. צו דער צווייטער קאטעגאָריע, צו די בינונים, צו יודען פון א גאנץ יאָהר, זאָגט ווייטער די תורה: איש אימו ואביו תיראו — איהר, וואָס קאָנט נישט לערנען זייט כאָטש מכבד אייערע עלטערען, איך גיב אייך דערפאר מיין אונטערשריפט: אני ה׳. — צו דער דריטער קאטעגאָריע ווייטער, צו יודען, וואָס וויסען כמעט גאָרנישט פון יודישקייט, זאָגט די תורה: אל תפני אל האלילים: שמדט זיך נישט און דינט כאָטש נישט קיין עבודה זרה, טאָ וועט איהר אויך פעררעכענט ווערען פאר יודען: אני ה׳...

.7

ר׳ חיים וואָלאָזשינער האָט געזאָגט א גלייכוווערטעל: ווען יודען מאַכען נישט ביי זיך קיין קידוש ד. ה. זיי זענען נישט מקיים דעם תורה-געבאָט: „קדושים תהיו״, דאן מאַכען איבער זיי ווייטער די גוים הבדלה — (די גוים פערשטויסען דאן פון זיך אָב די יודען און דערוויטערען זיי פון אלע צווייגען פון לעבען)....

.8

א משכיל, א קל במצוות האָט געפרעגט ר׳ חיים׳ן נאָכוואָס

ברויך א יוד צו לאָזען וואקסען זיך א באָרד ארום דעם מויל? איז דען נישט שענער זי גלאַט אָבּצוראזירען?

ר׳ חיים האָט איהם גלייך צוריקגעפרעגט: נאָרוואָס ברויך מען ארומצוימען א גאָרטען מיט א פּארקאַן?

כדי א חזיר זאָל נישט אַ מאָל ארייַנקריכען און צוטרעטען דאָס פערזייעטע און פערפלאנצטע — האָט געענטפערט דער משכיל.

אויך א באָרד פערהיט, אז אַ חזיר זאָל נישט פערקריכען אַמאָל אין מויל אריין — האָט צוריקגעענטפערט דער גאון....

.9

ר׳ איצעלע, ר׳ חיימס זוהן פלעגט עוסק בתורה זיין ביום ובלילה. וועגען זיין התמדה אין לערנען דערצעהלט מען, אז איינמאָל האָט מען פאר איהם אוועקגעשטעלט א טעלערל געפּרע-גלטע מאלינעס. ר׳ איצעלע האָט אויפגעהערט א מינוט פון לער-נען, אויפגעגעסען דאָס געפּרעגלעכץ, אָבּגעווישט דאָס מויל און גע-זאָגט: אַ זעהר געשמאַקע ארבעס. ממש זיס ווי ציקערן...

ר׳ יעקב קראַנץ, דער דובנער מגיד.

אויף זיין וועג קיין גראָדנא, איז דער דובנער מגיד אַמאָל פרייטאג פארנאכט צוגעפאָהרען צו א יודישער קרעטשמע און גע־פרעגט דעם קרעטשמער׳ס איידעם. א יונגערמאן א וואוילערנער, וואָס האָט נאָך געגעסען קעסט ביים שווער: — ווי ווייט ס׳איז נאָך קיין גראדנא?

דער יונגערמאן האָט געענטפערט, אז ער וועט שוין ניט אוים־פיעען אריינצופאָהרען פאר שבת קיין גראָדנא, ווייל ס׳איז נאָך גאנ־צע זיעבען וויאָרסט אהין, און דערפאר האָט ער געבעטען דעם מגיד צו פערבלייבען דאָרט שבת.

מיט יאָהרען שפעטער, איז ווידער אויסגעקומען דעם דובנער מגיד צו פערפאָהרען פרייטאג פארנאכט צו דער זעלבער קרעטשמע אויפ׳ן וועג קיין גראָדנא, און ווידער האָט ער געפרעגט דעם איי־געגעם יונגען מאן: ווי ווייט ס׳איז נאָך פון דער שטאָדט?

דער יונגערמאן, וואָס האָט בינתיים שוין געהאַט אוועקגע־וואָרפען די גמרא און געוואָרען א סוחר מיט׳ן קנאק,, האָט ניט געוואָלט, אז דער מגיד זאָל ביי איהם פערבלייבען שבת. האָט ער דערפאר געענטפערט דעם מגיד, אז פון דאָרט קיין גראָדנא איז ניט מעהר ווי א תחום שבת.....

— דער מגיד האָט זיך דאן אָבגערופען:

— יעצט פערשטעה איך שוין דעם פסוק: על מה אבדה הארץ על עזבם את תורתי — פארוואָס איז עפעס פערלוירען גע־גאנגען א שטיק ערד? ווייל די יידען האָבען פערלאָזט די תורה !...

2.

דער דובנער מגיד האָט געזאָגט אין בית־המדרש א דרשה

זענען אָבער דאָרט געווען אויך חסידים, וואָס האָבען, כידוע, גערודפט דעם דובנער פאר זיין התנגדות צו חסידות, האָבען זיי דערפאר אין מיטען דער דרשה צוגעשטעלט איינעם צום עמוד און גענומען דאווענען מעריב, אנהויבענדיג והוא רחום.

— גיבט דער מגיד א קלאַפּ אין טיש און שרייט אויס:

— וואָס עפּעס גלייך אָנהויבען והוא רחום? עס שטעהט דאָך אויפין אייגענעם אָרט אין תהילים נאָך עפּעס פריהער פארין והוא רחום אָט הערט: ויפתוהו בפיהם ובלשונם יכזבו לו ולבם לא נכון עמו ולא נאמנו בבריתו... און ערשט דערנאָך — והוא רחום...

.3

דער דובנער מגיד האָט געזאָגט א דרשה אין א שטאָדט און פּערגעסען צו פערענדיגען זי מיט: ובא לציון גואל. האָט עס דעם עולם שטארק געחידושט. אָבער קיינער פון די אָנגעזעהענע צוהע-רערס האָט נישט געוואָגט דעם מגיד איבערצופרעגען די סיבה דערפון נאָר איין יונגערמאַן, אן עזות פּנים און דערצו נאָך א גרויסער קבצן, בבחינת דל גאה, איז או ויכגעשפּרונגען און הויך אויפין קול אָבגעלאכט פון דעם למדניישן מגיד וואָס ווייסט נישט אפילו מסיים צו זיין א דרשה מיט: ובא לציין גואל.

דער מגיד האָט זיך אויסגעדרעהט צום יונגען מאַן און געזאָגט:

— אמת, טאקי, אז גראָדע אין אייער אנוועזענהייט האָב איך מעהר ווי אומעטום געברויכט צו פערענדיגען מיט: ובא לציון גואל. ווארום ווי בעוואוסט, געהט אָן מקדמונים אן — אַלטע מחלוקת צווישען די עשירים מיט די אָרעמע-לייט: ווער פון זיי איז מעכב די גאולה?

די אָרעמע-לייט זאָגען, אז זיי פּאסען זיך צו צום מאמר חז״ל: אין בן דוד בא עד שיכלה פרוטה מן הכים (משיח וועט אנדערש נישט קומען סיידען סיוועט שוין קיין פרוטה אין ביטעל נישט פער-בלייבען נאָר די עשירים זענען מעכב די גאולה מיט זייערע געלד-זעק.

די עשירים זאָגען ווידער, אז זיי זענען מקיים דעם: בעקבא

דמשיחא חוצפא יסגי (אין משיחים צייטען וועלען זיך מעהרען די חוצפה'ניקעס) ווייל — עשיר יענה עזות... נאָר זיי די שנאָרערס, די קבצנים האַלטען אויף משיח'ן. וואָרום עס שטעהט דאָך: בתחנונים ידבר רש (דער ארימאַן האַלט נאָר פון בעטען).

יעצט אָבער, — האָט דער דובנער פערענדיגט — ווען איך זעה, אז אין אייך, יונגערמאַן, האָבען זיך פעראייניגט די צוויי עקס-טרעמען: אי איהר זייט אַ דלות, אי איהר בעזיצט גענוג עזות, טאָ מעג שוין משיח טאַקי קומען דערפאַר בין איך מסיים: ובא לציון גואלן....

4.

דער דובנער מגיד איז געגאַנגען זאַמלען אַ נויטיגע נדבה, קומט ער אַזוי אַריין צו אַ גרויסען נגיד אין שטוב און טרעפט איהם פונקט אויסצעהלען אויפ'ן טיש גאַנצע קופּעס פון גילדערנע און זילבערנע מטבעות. נעהמט דער נגיד עטליכע קליינע זילבער-מטבעות און דערלאַנגט זיי דעם מגיד. וויל זיך אָבער דער לעצטער צום געלד נישט צוריהרען.

— איז עס אפשר אַ צו-קנאַפּע נדבה? — פרעגט דער עושר דעם מגיד, — טאָ זאָגט מיר עפּעס אַ געלונגען תורה-וואָרט, וועל איך אייך דערלעגען.

— „הלעיטנו נא מן האדום האדום הזה'ין — זאָגט דער קלוגער מגיד, אָנווייזענדיג מיט אַ פינגער אויף די גאָלדענע רענד-לעך (אדום אויף ניי-העברעאיש בעדייט אַ רענדעל).

געפעלט שטאַרק דאָס דאָזיגע וואָרט דעם עושר און דער-לאַנגט דעם מגיד דערפאַר אַ גאָלדען רענדעל.

בעגנוגענט זיך אָבער דערמיט נאָך נישט דער מגיד און פער-לאַנגט אַ גרעסערע נדבה.

— טאָ זאָגט מיר נאָך אַזאַ פּאַסיג וואָרט, וועל איך אייך עפּעס צוגעבען. — זאָגט דער עושר.

— „לא טוב היות האדם לבדו'ין — רופט גלייך אויפ'ן אָרט אויס דער מגיד.

געפעלט דאָס וואָרט ווידער דעם עושר און גי׳: איהם אַ זיל־בערנעם רובעל צו צום רענדעל. דער מגיד איז אָבער אַלץ נאָך נישט צופריעדען און רופט זיך ווייטער אָן צום נגיד מיט׳ן בעוואוסטען מדרש:

— „לא נתקררה דעתו של אדם עד שמצא את מינו״ן

דער עושר האָט איהם געפאָלגט און צוגעגעבען נאָך אַ גאָלדען שטיקעל.

.5

פאַרוואָס גיעט אַ נגיד גערנער און גיכער צדקה צו אַנ׳אָרימאַן אַ קאַליקע, ווי צו אַנ׳אָרימאַן אַ תלמיד־חכם?

— דערפאַר, — האָט עס מאָטיווירט דער דובנער מגיד, — ווייל אַ נגיד האָט מורא, ער זאָל אויך אַמאָל נישט ווערען אַ בעל־מום, דאַגעגען אַ תלמיד־חכם, ... ווידער, ווערט ער שוין קיינמאָל נישט זיין.

.6

אין תהילים זענען דאָ פיר אשריים: אשרי יושבי ביתך, אשרי העם יודעי תרועה, אשרי האיש אשר לא הלך, אשרי תמימי דרך. האָט דער דובנער מגיד אויסגעטייטשט, אַז די מסורה פון די פיר אשריים איז מרמז אזוי: — די בעסטע זאַך איז „אשרי יושבי ביתך״—ווען אַ מענש קאָן זיך זיצען רוהיג אין שטוב און דאַרף נישט פערשוואַרצט צו ווערען אונטערוועגס.

מוז ער אָבער ערגיץ־וואו פאָהרען, דאַן: אשרי העם יודעי תרועה—זאָל ער כאָטש פאָהרען בעקוועם, מיט דער פאָסט, וואו די גלעקלעך פון די פערד קלינגען אַ גאַנצען וועג, אָדער גאָר מיט דער באַהן׳ וואָס פייפט ביי יעדער סטאַציע.

האָט אָבער דער רייזענדער נישט קיין געלד צו פאָהרען מיט דער באַהן, דאַן „אשרי האיש אשר לא הלך״ — זאָל ער כאָטש פאָהרען מיט אַ פראָסטער פוהר, אַבי נישט געהן צו פוס. ווען אָבער אויך דאָס קען ער זיך נישט פערגינען, דאַן „אשרי תמימי דרך״— זאָל דער פיעכאָטע־געהער כאָטש האָבען גאַנצע שיך...

ג.

ר׳ אייזיל (יהושע אייזיק) חריף פון סלאָנים

1.

אין סלאָנים איז געווען אַ משכיל אַ גרויסער בעל-חשבון, וועלכער האָט געוויזן אמת׳ע קונסטשטיק צו בערעכענען אויסענ-ווענינ אין פערלויף פון עטליכע סעקונדען די שווערסטע אריטמע-טישע אויפגאַבען. איינמאָל צווישען פסח און שבועות האָט דער דאָזיגער בעל-חשבון, וואס איז, אגב, געווען אויך אַ קל במצוות און געכאַפּט אין יענער מעשה: געגרויסט זיך אין דער אַנוועזענהייט פון סלאָנימער רב, דעם בעוואוסטען ר׳ אייזיל חריף, מיט זיין קענערייי איך — האָט זיך אָבגערופען דערביי ר׳ אייזיל— וועל דיך אָבער פרעגען אַ חשבון, וועלכען דו וועסט בשום-אופן נישט אימשטאַנד זיין דאָ צו בערעכענען. — נו, אדרבא, לאָמיר הערען. — זאָג מיר, כ׳בעט דיך, — האָט דער רב געפרעגט, — וועלכע ספירה האָבען מיר היינט? דער בעל-חשבון האָט זיך פער-שעמט און נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערען.

2.

דעם גאון ר׳ אייזילין האָט די וועלט צוליעב זיין אויסער-געוועהנליכע חריפות און שאַרפזיניגקייט גערופען: דער ווילדער קאָפּ. אַ סך רבנים און גדולי-הדור, צווישען זיי אויך דער בעוואוס-טער גאון ר׳ יצחק אלחנן פון קאָוונא האָבען איהם ווידער צוליעב זיין געוואָהנהייט צו טשעפּען זיי מיט זיינע סאַרקאַסטישע גלייכ-ווערטלעך גערופען: דער משוגענער חריף. איינמאָל האָט ר׳ אייזיל דערזעהן ביי זיינעם אַ פריינד, אַז זיין ספר עמק יהושע איז געבונ-דען צוזאַמען מיט ר׳ יצחק אלחננ׳ס „עין יצחק״, דערביי האָט ער

בעמערקט, אז דער עין יצחק איז געבונדען פון פּאַרענט. ר׳ אייזיל האָט דאָ געפונען אַ גוט געלעגענהייט אָבצורעכענען זיך מיט זיין געגנער און האָט אויסגערופען:

— מענשען האַלטען מיך פאַר משוגע און דאָך האָט מ׳ען ר׳ יצחק אַלחנן געבונדען פריהער פאַר מיר...

.3

ר׳ אייזיל האָט כמעט יעדעס יאָהר אַרויסגעגעבען אַ ניי חבור. האָט איהם אַמאָל איינער געוואָלט אַ טשעפּ טהון און געזאָגט, אז טראָץ דעם בעוואוסטען מאמר חז״ל: תלמידי חכמים כל זמן שמזקינים דעתם מתוספת עליהם (תלמידי חכמים, וואָס מעהר זיי ווערען עלטער, אַלץ מעהר ווערען זיי קלוגער) זענען דאָך זיינע חבורים, וואָס ער האָט פערפאַסט אין די יונגע יאָהרען פיעל בעסער ווי די, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבען שפּעטער. — איהר פערגעסט אָבער—האָט ר׳ אייזיל געענטפערט—וואָס עס שטעהט נאָך דאָרט אין ש״ס: עמי הארצים כל זמן שמזקינים דעתם מטפשת עליהם (גראָבע יונגען, וואָס מעהר זיי עלטערען זיך, אַלץ מעהר נארישער ווערען זיי) און דערפאַר האָט איהר שוין נישט דעם אייגענעם גוטען חוש און טעם, ווי אַמאָל...

.4

א מחבר פון אַ פּירוש אויף קהלת האָט געבעטען פון ר׳ אייזילן אַ הסכמה אויף זיין חיבור. דער גאון האָט אַריינגעקוקט אין דאָזיגען פּירוש און דערזעהן, אז ס׳איז פול מיט טפשות און נארישקייטען. רופט ער זיך אָן צום מחבר בזה הלשון: „כ׳מוז אייך זאָגען דעם אמת, אז איהר זייט אַנ׳אויסערגעוועהנליכער חכם, ממש קלוגער פון שלמה המלך״. ווען די אַנוועזענדע לומדים האָבען אי־בערגעפרעגט דעם גאון, וואָס אזעלכעם האָט ער דאָס געפונען אין דאָזיגען פּירוש, האָט דער גאון געלאַסען געענטפערט: „דאָס איז דאָך ידוע, אז שלמה המלך איז געווען דער חכם מכל האדם. נו,

קומט אָבער צוגעהן דער מחבר און מאַכט שלמה המלך צו-נאַר, איז ער דען נישט דערפאַר, פרעג איך אייך, נאָך קלוגער פון שלמה המלך״?...

.5

אַנ׳אַנדער מחבר פון אַ ספר אויף ש״ס איז געקומען צו ר׳ אייזילן בעטען אַ הסכמה. דער גאון איז פונקט דאַן געזעסען ביי דער אָפענער גמרא און געלערנט. נעהמט דער מחבר און לייגט ברייטליך ארויף זיין ספר אויף דער אָפענער גמרא. קוקט זיך איין ר׳ אייזיל אין חבור און דערזעהט, אז ס׳איז פול מיט פלפולים של הבל. דערלאַנגט ער עם גלייך צוריק צום מחבר און רופט דערביי האַסטיג אויס: „אַנטלויפט וואָס גיכער, ווייל די רביצין וועט אייך נאָך חלילה אָפּשחטן״. ווערט דער מחבר בלאַס און דערשראָקען און פרעגט איבער דעם גאון, וואָס ער מיינט מיט זיינע לעצטע ווער-טער. דערצעהלט איהם ר׳ אייזיל, אַז אַנומעלט איז אַרויפגעפלויגען אַ האָן אויף דער אָפענער גמרא און האָט דאָרט במחילה אָנגעמאַכט. ווען די רביצין האָט דאָס דערזעהען, איז זי גלייך געלאָפען מיט׳ן האָהן צום שוחט און איהם דאָרט אָבגע׳שחט׳ען. היינט-זשע ווען איהם האָט ווידער אזויפיעל אָנגעמאַכט אויף דער גמרא, וואָס וועט-זשע דערצו די רביצין ווייטער זאָגען?...

6.

איינער האָט געפרעגט ר׳ אייזילן פאַרוואָס רופט מען אַנ׳עם הארץ: גראָבער יונג?

גאַנץ איינפאַך — האָט דער גאון געענטפערט — ווייל ער ווייסט נישט קיין דין...

.7

אין כלאַנימער בית-המדרש האָט זיך אמאָל פאַר׳ן עמיד גע-

שטעלט דאַוונען אַנ׳עם-ארץ, וואָס איז געווען בבחינת מכה בעברתו-געשלאָגען אין דער עברי נאָכ׳ן דאַוונען רופט צו דעם בעל-תפלה ר׳ אייזיל און פרעגט איהם: אַלס וואָס האָט איהר דאָ גדאַוונט: צי מחמת חוב ווייל איהר האָט געהאַט יאָהרצייט נאָך וועמען אָדער צי גאָר מחמת נדבה, ווייל איהר האָט געוואָלט מהנה זיין דעם עולם מיט אייער קול? — מחמת נדבה — ענטפערט דער יוד. אויב אַזוי — זאָגט ר׳ אייזיל — זייט איהר באמת אַ נדבן. אפשר גאָר דער גרעסטער און שענסטער אין דער שטאָדט, וואָרים דאָ אין סלאָנים, איז דאָך אַ מנהג, אַז מען קאָן נישט גיבט מען נישט...

8.

ר׳ אייזיל חריף פלעגט זעהר שנעל דאַוונען. אַזוי-אַרום איז אויסגעקומען, אַז ער האָט זיך אין בית-המדרש אויסגעריקט שמונה-עשרה פריהער פאַר׳ן גאַנצען עולם מיט׳ן חזן. ווען מען האָט איהם אַמאָל אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז עס פּאַסט נישט אַ רב זאָל וואַרטען אויפ׳ן עולם מיט׳ן חזן. ביים אָנהויבען די הויכע שמונה-עשרה, האָט ער דערויף געענטפערט: איידער איך זאָל אויסגעהען נאָך מיינע שטאָדטים-לייט, איז גלייכער זיי זאָלען אויסגעהען נאָך מיר...

9.

ר׳ אייזיל איז געפאָהרען אין אַ באַהן-וואַגאָן, וואו עס זענען צוויי-שען אַנדערע פּאַסאַזשירען געזעסען בעזונדער אויך צוויי אייראָפּע-איש-געקליידעטע יודען. איז איינער פון די צוויי דייטשען (אַזוי הייסען ווי בעוואוסט די קורץ-געקליידעטע) געווען אַ פערשייטער און האָט גענומען אָבלאַכען פון ר׳ אייזילס דוכאָוונעם הילוך. האָט דאָס שטאַרק פערדראָסען די אַרומיגע יודען, וועלכע האָבען געבעטען דעם גאון מקיים צו זיין דאָ דעם: ענה כסיל כאולתו. ענטפערט זיי דערויף הויך אויפ׳ן קול ר׳ אייזיל: זאָל אייך די זאַך גאָרנישט וואונדערען. וואָרים איהר ווייסט דאָך, אַז אומעטום, וואו עס געפינען

זיך אין רש״י אויף חומש צווי דייטשען (טייטשען - פרושים,, הייסט דער צווייטער: דבר-אחר...

10.

אנ׳ארענדאר, א אלטער באלאבאן, וואס האט זיך געהאלטען פאר א גאנצען ידען, האט אמאל געפרעגט ר׳ אייזילין א שווערע קשיא: עס שטעהט אין דאוונען ברוך שאמר. ברוך איז דאך דער טייטש: ר׳איז אנטלאפען (ברח) שאמר — ווידער: מען האט איהם נעהיטען (שמר). טא ווי אזוי איז ער אנטלאפען ווען מען האט איהם נעהיטען? די קשיא — ענטפערט ר׳ אייזיל — שטעהט דאך דארט באלד דערנאך אין דאוונען. והיה העולם — די גאנצע וועלט איז אויף-געוועז און נע׳חדושי׳ט, ווי אזוי אזא זאך האט געקאנט פא-סירען?...

ז.

ר׳ יצחק אלחנן פון קאוונא.

1.

יודען דערצעהלען, אז דער רוסישער צאר אלעקסאנדער דער דריטער האט אמאל מכבד געווען ר׳ יצחק אלחנן, בשעת אנ׳אוי־דיענץ ביי איהם אין שבת, מיט א פאפיראס און דערביי אליין אנ־געצינדען א צינד־העלצעל, כדי דער רב זאל דערפון פעררויכערען. ר׳ יצחק אלחנן האט זיך פארין קיסר ענטשולדיגט, אז ער קען נישט נעהמען דעם קיסר׳ס א מתנה און אוועקלאזען זי מיט׳ן רויך... ער וועט וויסען ווי אזוי צו שעצען די מתנה פון אזא הויכגעשטעלטער פערזאן. ער וועט זי אריינלעגען אין א קריסטאלען שאכטעל, אוועק־שטעלען אויף א בכבוד׳יגען ארט און ווייזען זיינע חשוב׳סטע געסט אז דער פאפיראס איז א קייזערליכע גאבע. דער קיסר האט איהם פאר דאנקבארקייט געדרוקט די האנד.

2.

א יודישער מסור, אנ׳אויסוואורף, האט אמאל דערלאנגט אויפ׳ן גאון א מסירה צום פראקוראר, אז ער גרינגשעצט דעם כבוד פון קיסר דערמיט, וואס פאר יעדען מי שבירך פארין קיסר אין א גאלא־טאג, טהוט ער אוים אין בית־המדרש די תפילין. די אונטערגענומענע אויספארשונג מצד דער פאליציי האט פעסטגעשטעלט די ריכטיג־קייט פון דער אנקלאגע און עס האט געדראהט דעם גאון דערפאר א זעהר שווערע שטראף. דער גאון האט זיך פארין ספעציעל־דעלע־גירטען אויספארשונגס־ריכטער פון פעטערבורג אזוי פערענטפערט: ווי בעוואוסט, לייגען מיר יודען תפילין נאר אין די וואכעדיגע טעג.

ווייל אין דער גרויער וואכעדיגקייט נויטיגען מיר זיך אין א ספעציעלע רעליקוויע און סגילה, וואס זאל אונז צוגעבען פייערליכקייט און אזוי ארום דערהויבען אונזער גייסט. דאגעגען אין שבת און יו״ט, וועלכע זענען אליין געהייליגטע פייער-טעג ברויכען מיר שוין נישט קיין אנדערע סגילה און דערפאר לעגען מיר ׳אן נישט קיין תפילין. אויך די גאלא-טעג פון דער קייזערליכער פאמיליע בעטראכט איך אלס אמת׳ע ימים-טובים און דערפאר וויל איך נישט האבען אויף מיר די תפילין בשעת דעם אבריכטען דעמאלסט די פייערליכע גאטעס-דינסט. זעהר שטארק איז געפעלען געווארען דעם רוסישען סליעדאוואטעל דעם גאונ׳ס פערענטפערונג און די ווייטערדיגע אונטערזוכונג איז אנולירט געווארען...

3.

אין די אכציגער יאהרען פון פאריגען יאהרהונדערט, ווען אין גאנץ רוסלאנד האט געבושעוועט די מגפה פון בלוטיגע פאגראמען אויף יודען און דער צורר-היהודים איגנאטיעוו האט אויך דאן געהאט ארויסגעגעבען די בעוואוסטע מאי-גזירות, איז לויט דער איניציאטיוו פון ר׳ יצחק אלחנן צוזאמענגערופען געווארען קיין פעטערבורג א רבנים-צוזאמענפאהר, אויף וועלכער ס׳איז בעשלאסען געווארען צו שיקען א רבנים-דעלעגאציע מיט ר׳ יצחק אלחנן בראש צום אינערן-מיניסטער און בעטען ביי איהם מבטל צו מאכען די שענדליכע גזירות פון דריטען מאי, און אבשטעלען די ווילדע פאגראמען. דורך דער השתדלות פון באראן גינצבורג האבען די רבנים אויסגעפועל׳ט אנ׳אודיענץ ביים מיניסטער איגנאטעוו. אבער צו דער אודיענץ איז דורכ׳ן המנ׳דיגען מיניסטער ספעציעל איינגעלאדען געווארען דער צווייטער נאך גרעסערער המן פון דער פינסטערער תקופה, דער אויבער-פראקוראר פון „סינאדי״ פאביעדאנאסצעוו, וועלכער האט כמעט די רבנים נישט געלאזט קומען צום ווארט נאר כסדר געשאטען פעך און שוועבעל אויף יודען. צווישען אנדערע זלזולים האט ער זיך אויסגעדריקט דעמאלסט וועגען יודען אזוי, אלץ וואס גאט האט בעשאפען אויף דער וועלט איז מיר פערשטענד-

ליך, ווייל יעדע זאַך ברענגט ווירקליך נוצען דער וועלט, איינם אָבער קאָן איך נישט פערשטעהען: נאָך וואָס האָט גאָט בעשאַפען אַזאַ פערשאָלטען און שעדליך פאָלק ווי דאָס יודישע איז, וועלכעס איז נישט מעהר ווי אַן׳אָנגעזעצטע געשוויר אויף אונזער גרויסער און הייליגער רוסלאַנד און ברענגט קיינעם אין דער וועלט קיין נוצען נישט? פערשטעהט זיך, אַז פאָביעדאָנאָסצעוו׳ס גיפטיגע ווערטער האָבען מעהר געווירקט ביי איגנאַטיעוו׳ן ווי די זאַנפטע תחנונים פון די רבנים, און די גזירות זענען אויך אויף ווייטער פערבליבען. ווען די רבנים זענען נידערגעשלאָגענע און פערטרויערטע ארוים פון מיניסטער, האָבען זיי צו זייער גרעסטער פערוואונדערונג בעמערקט אַ שמייכעל אויף ר׳ יצחק אלחנן׳ס געזיכט. אויף דער פראַגע: וואָס איז די גדולה... האָט ר׳ יצחק אלחנן ז״ל געענטפערט פון פאָביעדאָנאָסצעוו׳ס פרעטענזיע צו גאָט פערשטעה איך ערשט דעם פשט פון אַ שווערען פסוק אין חומש, וועלכער זאָגט אָן, אַז אונזער ישועה איז שוין נישט ווייט אין פרשת בלק שטעהט: כעת יאמר ליעקב ולישראל מה פעל אל הן עם כלביא יקום וכארי יתנשא מאַטערען זיך נעביך די מפרשים צו געפונען דערויף אַ רעכטען פשט קיינער האָט מיר אָבער נישט אַזוי מפורש געמאַכט דעם דאָזיגען שווערען פסוק ווי גאַר אָט דער צר הצורר פאָביעדאָנאָסצעוו ימ״ש. דער פשט איז אַזוי: כעת יאמר — עס וועט קומען אַ צייט, ווען מ׳וועט זאָגען ליעקב וישראל מה פעל אל— צו וואָס האָט גאָט בעשאַפען אַ יעקב מיט אַ ישראל, אַזאַ פאָלק, ווי יודען זענען דעמאָלסט זאָלט איהר וויסען וועט זיך אָנהויבען אויך די תקופה פון: הן עם כלביא יקום וכארי יתנשא. און אַזוי ארום קאָנען מיר יעצט האָפען, אַז עס דערנעהנטערט זיך שוין די תקופה פון גלייכבערעכטיגונג און אויפריכטונג פון אונזער יודיש פאָלק אין רוסלאַנד.

4.

ר׳ יצחק אלחנן, וואָס איז אַזוי ווי אַלע ליטווישע גדולים גע־ווען בטבע אַ מתנגד אויף חסידות, איז אַמאָל געקומען אין חסידי־שער-שטאָדט אויף וואָהלין, וואָס איז פול געוועז מיט פערשיעדענע

חסידים-קלויזלעך און שטיבלעך. געהט אריין דער רב אין דעו פריה אבדאוונען אין שטאָדטישען בית-המדרש און געפינט אָבער דאָר-טען קיין מנין נישט. — וואו זענען דאָ — פרעגט ער — די אַלע פרומע יודען, וואָס פערלאָזען נישט קיין תפלה בצבור? ענטפערט מען איהם, אז זיי דאוונען יעדען טאָג אין סניאטינערם, טשאָרט-קאָוערס, ראָכמיסטריווקערס, טשערנאבילערם א. א. וו. חסידים-קלויזליך. ערשט יעצט — רופט זיך אָב ר׳ יצחק אלחנן — פער-שטעה איך וואָס אין תהלים שטעהט: אספוי לי חסידי, ד. ה. דער רבוש״ע זאָגט: יעדער פון אייך איז דאָך דעם אָדער יענעם רבי׳נ׳ס א חסיד, טאָ ווער-זשע איז מיין חסיד?...

5.

ר׳ יצחק אלחנן איז, ווי בעוואוסט, געוועזן א זעהר פּראָדוקטי-ווער מחבר און פערפאַסער פון ספרים. פאָהרט ער אמאָל קיין ווילנא, כדי אָבצודרוקען דאָרט זיינס א ניי ספר און טרעפט אויפ׳ן וועג זיינס א יוגענד-חבר, וואָס איז אָבער בינתים „קאַליע״ געוואָ־רען, ער האָט זיך שוין געהאט אראָבגענומען די באָרד און געקליידעט זיך אייראָפּעאיש. פרעגט איהם דער אַלטער בעקאַנטער נאָך וואָס ברויך מען ווייטער צו דרוקען נייע ספרים? וואָסערע נוצען ברענגען זיי דען דער וועלט, ווער קוקט אריין אין זיי היינט? ענטפערט דער גאון: אודאי ברויך היינט די וועלט פיעל מעהר ספרים ווי אמאָל. וואָרים ווי בעוואוסט, זענען יודען נוהג קדושה אין אויסגעריסענע האָר פון דער באָרד און לעגען זיי אריין אין ספרים. היינט-זשע ווען צוליעב די מגולחים האָבען זיך פערמעהרט די האָר פון די בערד ברויך מען דאָך דערצו אויך וואָס אמאָל מעהר נייע ספרים!...

6.

א פרעמדער מחבר, א עני בדעת, האָט ביינאכט געברענגט צו ר׳ יצחק אלחנן זיינס א חבור און געבעטען איהם, ער זאָל עס אדורכקוקען אין פערלויף פון דער נאכט און געבען איהם דערויף

מאָרגען אַ הסכמה. ביים אוועקגעהן האָט ער געבעטען ביים גאון ער זאָל איהם מיטגעבען אַ בעגלייטער ביז צו דער אכסניא, ווייל ס'איז אסור לתלמיד חכם לצאת יחידי בלילה — אַ תלמיד חכם טאָר אליין נישט ארויסגעהען ביינאכט. ר' יצחק אלחנן האָט איהם דאן צוריקגעגעבען זיין חבור און געזאָגט: די האָסט שוין יעצט נישט וואָס מורא צו האָבען, ווייל די מזיקים וועלען אריינקוקען אין דיין חבור וועלען זיי זעהען וואָס די ביסט...

7.

אַ מחבר, אַ גרויסער אביון, האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן ר' יצחק אלחנן, ער זאָל איהם דוקא געבען אַ הסכמה אויף זיינס אַ ספר, וואָס איז אָבער געווען מלא טפשות. דער גאון, וואָס איז בטבע געווען אַ גוטהארציגער, האָט זיך נישט געקענט אָבטשעפּען פון דעם אָרימען מחבר און האָט געהייסען זיין סעקרעטאַר שרייבען די פּערלאַנגטע הסכמה. נאָכן איבערלייענען די אַלע שבחים, וואָס דער סעקרעטאַר האָט געמוזט שרייבען וועגען מחבר און זיין ספר, האָט דער גאון גענומען די פעדער, אָבגערוקט 4 שורות פון הסכמה-טעקסט און זיך אונטערגעשריבען. צו די, וואָס האָבען איהם איבערגעפרעגט, וואָס דאָס בעדייט, האָט ער געענטפערט: איך בין מקיים מדבר שקר תרחק...

8.

אַ רייכער קאָוונער בעל-הבית האָט אַמאָל געברענגט זיין זוהנדעל, אַ פערשטאָפּטען קאָפּ, צום רב, ער זאָל איהם פערהערען די שווערע רש"י פון פרשת משפטים. נאָכן פערהערען רופט זיך אָב דער גאון צום פאָטער: אייער זוהן איז ווי אַ גאון. דער גליקליכער פאָטער האָט זיך צעשמאָלצען פאַר נחת, און אהיימגעגאַנגען מלא שמחה. זיינע ווערטער האָט ר' יצחק אלחנן אויסגעטייטשט אזוי: ווי בעוואוסט, האָבען זיך די גדולי ישראל אין יעדער היסטאָרישער

תקופה אנדערש גערופען; פריהער האָבען זיי געהייסען תנאים, דערנאָך אמוראים, סבוראים, גאונים און צולעצט ערשט רבנים, צווישען וועלכע רש״י איז אויך פאַררעכענט. דערפון איז צו זעהן, אז די גאונים, וועלכע האָבען געלעבט אין א פריהערדיגער היסטאָרישער פעריאָדע, האָבען נישט געקענט רש״יין, היינט-זשע, ווען דאָס בחור׳ל קאָן אויך נישט רש״יין, איז ער דען נישט ווי א גאון?...

.9

צו ר׳ יצחק אלחנן, וואָס איז בטבע געווען א מכנים-אורח, איז אמאָל געקומען צו-גאַסט א ליטווישער רב, וואָס האָט גע׳שמ׳ט פאַר א בעל-גאוה. האָט איהם ר׳ יצחק אלחנן נישט שטאַרק מקרב געווען. ווען דער גאַסט האָט איהם איבערגעפרעגט, פאַרוואָס ער טראַקטירט איהם אנדערש פון אנדערע רבנים-געסט, האָט דער גאון אזוי געענטפערט: שבת קודש איז, ווי בעוואוסט, א גרויסער מכנים-אורח. פאַלט למשל ראש חודש אין שבת, גיעט ער א בכבוד׳יגען אָרט פאַר זיין יעלה-ויבא און די שבת׳דיגע שמונה-עשרה׳ס. קומט צום שבת א מעהר חשוב׳ער גאַסט, ווי א שטייגער יום-טוב, דאַן שענקט ער איהם אוועק אינגאַנצען זיינע שמונה-עשרה׳ס. ביים אָנקומען פון חשוב׳סטען אורח, יום-כפור, ווען ער געפאַלט אין שבת, פאַרציכטעט דאַן רער שבת לכבוד דעם אורח אויך אויף זיין גרעסטען תענוג: די אכילה ושתיה. שווער איז דערפאַר, פאַרוואָס איז שבת גאָרנישט נוהג כבוד אויך אין דעם אורח ראש השנה, ווען ער געפאַלט אין שבת און איז איהם נישט מכבד מיט תקיעת שופר? איז אָבער דער תירוץ אזוי: יאָ, שבת איז נוהג כבוד באורחים, אָבער נישט אין אזא אורח, וואָס בלאָזט פון זיך...

ח.

ר׳ ישראל סאלאנטער (ליפקין)

1.

אין דער השכלה-עפּאָכע האָבען אַ חברה משכילים-אפּיקורסים איינגעאָרדענט אויף צו׳להכעיס דוקא אין תשעה באב אַ הוליאַנקע ביים יודישען אַקציזניק פון דער שטאָדט, אין וועלכער ר׳ ישראל סאַלאַנטער האָט געוואוינט.

ווען ר׳ ישראל האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט ער גענומען זיין שמש און איז מיט איהם אוועק אויף׳ן אָנגעוויזענעם אָרט. קומענדיג אַהין, האָט דער רב געטראָפען די חברה זיצען ביי אַ גוט סערווירטען טיש און פראַווען אַ סעודה גאַנץ געשמאַק.

— מיט אַ גוטען אַפּעטיט — האָט ר׳ ישראל בעגריסט די דערגענערירטע להכעיס׳ניקעס, וועלכע זענען צוטומעלט געוואָרען פון פלוצלינגען ערשיינען פון רב אויף זייער שמחה. נאָכמעהר פער־וואונדערט זענען זיי אָבער געוואָרען, וואס אָנשטאָט אַ פאַרציע שטראָף-רייד און דברי מוסר, וואָס זיי האָבען ערוואַרט צו הערען פון דעם גרויסען בעל-מוסר׳ניק, ר׳ ישראל, פאַר זייער שעהנער מעשה, האָט ער זיי גאָר געוויאונשען אַ גוטען אַפּעטיט.

דער רב האָט דערקענט די צייכענס פון פערוואונדערונג אויף זייערע פנימ׳ער און זיך צו זיי אָבגערופען:

— וואָס פערשטעהט איהר דאָ נישט, יודען? איך ווינש אייך אַ גוטען אַפּעטיט, כדי די עבירה פון אייער עסען אין תשעה באב זאָל חאָטש נישט זיין אַנ׳עבירה „להכעיס״, אַזוי ווי מ׳האָט מיך אינפאָרמירט, נור — פשוט „לתיאבון״, — ווייל עס האָט אייך שטאַרק געהונגערט, האָט איהר געמוזט איינשטילען אייער גוטען אַפּעטיט מיט דער סעודה. אַזוי אָרום ווערט אייער מעשה אַ סך מילדער און שענערן

די חברה האָבען זיך פערשעמט פון רב׳ס קלוגע רייד און תיכף פערלאָזט די סעודה.

.2

צו ר׳ ישראל סאלאנטער איז אמאָל געקומען דער גרינדער פון דער חברה: „חובבי שפת עבר״ אין אָדעס, א יוד א געבילדעטער און בעקאנטער משכיל און איהם געפרעגט, פארוואָס ער ווייזט ארוים ביי יעדער געלעגענהייט זיין התנגדות צו די משכילים און צו זייערע אַלע אויפטהועכצען. — „סטייטשן״ האָט דער משכיל אויסגערופען מיט פאַטאָס — וואָס קען מען דען אויסרעדען אויף אזא הייליגע און אונשולדיגע זאך, ווי דאָס מאכען לשון-קודש פאר א לעבעדיגע שפראך אין מויל פון אַלע יודען?

דער רב האָט איהם אָבער אזוי אָבגעענטפערט:

— שלמה המלך, װעלענדיג אָבלויבען די שענע קלינגענדע העברעאישע שפראך פון זיין שיר השירים, האָט ער זיך אויסגע-דריקט: „וחכו כיין הטוב״ — דאָס שענע רעדען איז גלייך צו גוטען וויין. פארוואָס איז עס עפּעס גלייך צו וויין? ווייל וויין איז באמת א זעהר טייערע און הייליגע משקה: וויין גיסט מען אויפ׳ן מזבח; איבער וויין מאכט מען קידוש און הבדלה; מען בענוצט וויין צו נאך אנדערע ריטועלע מצוות. דאך נאך זיין גאנצען יחוס, ווען א גוי ריהרט איהם אָן, ווערט ער באלד אסור. דאָס זעלבע איז אויך מיט לשון-קודש. די העברעאישע שפראך איז טאקי הייליג, אָבער אזוי לאנג, ווי א גוי ריהרט זיך צו איהר נישט צו...

.3

ר׳ יהושע בורשטיין, וואָס איז געווען ראש-בית-דין אין ביא-ליסטאָק נאך פאר׳ן בעקאנטען גאון ר׳ שמואל מאָהליווער, האָט געפיהרט מחלוקת אין ביאליסטאָק אי מיט די חסידים, אי מיט די מתנגדים. ווען ר׳ ישראל סאלאנטער, אדורכפאָהרענדיג אמאָל ביא-ליסטאָק, האָט איהם געבעטען, ער זאָל, פאר זיין אייגענער טובה

וועגען, שלום מאכען כאטש מיט איין צד, האט ר׳ יהושע׳לע איהם אבגעענטפערט:

— וואס זאל איך טהון, אז איך בין אנ׳איש-אמת און קאן נישט פערטראגען קיין שקר און עולה פון קיינעם.

ר׳ ישראל האט דערויף א שמייכעל געטהון און אבגערופע, זיך:

— ס׳איז דא א שפריכווארט: „מיט אמת געהט מען דורך די וועלט״. איז דער טייטש דערפון אזוי: דער איש אמת מוז נעבעך פון אומעטום עוקר זיין און דורכגעהן כסדר די וועלט. ווייל צוליעב זיין ביסעל אמת געפינט ער נישט אין ערגעץ קיין מקום-מנוחה.

ר׳ ישראל נביאות איז מקויים געווארען און ר׳ יהושע׳לע האט אין א קורצער צייט ארום געמוזט אנטלויפען פון ביאליסטאק קיין קאמעניץ, א קליין ליטוויש שטעדטעל.

.4

ר׳ ישראל׳ן האט מען געפרעגט: פארוואס כמעט יעדער קאמף צווישען פרומע יודען מיט פרייגעזאנענע ענדיגט זיך מיט׳ן נצחון פון די לעצטע?

— ווייל—האט דער רב דערקלערט—די פרייע קעמפען פאר זייער שקר מיט׳ן אמת. ז׳אגעגען די ארטאדאקסען קעמפען פאר׳ן אמת מיט שקר... זיי קעמפען אלץ נור ביז צו דער קעשענע, אבער נישט מיט דער געהעריגער מסירת-נפש. דערפאר פערשפיעלען זיי כמעט אומעטום.

.5

יודען דערצעהלען, אז ר׳ ישראל סאלאנטער, זייענדיג אמאל אין פראנקפורט אם מיין, איז פערבעטען געווארען דורכ׳ן דארטיגען פרומען באראן ראטשילד צו בעזוכען זיין הויז. נאכדעם, ווי דער באראן, וואס האט, כידוע, שטענדיג געאכטעט רבנים און תלמידי חכמים, האט איהם דורכגעפיהרט אין אלע זיינע צימערן פון זיין פאלאץ און געוויזען איהם, אז אלץ פיהרט זיך אין זיין הויז אויפ׳ן

עכט-יודישען רעליגיעזען שטייגער, האָט ער ר׳ ישראלין געפרעגט, וואָס ער זאָגט צו זיין התנהגות. דער רב האָט זיך א ווײַלע פערטראכט און געענטפערט:

— זאָל עס אייך נישט פערדריסען, וואָס איך געפין גאָר איין, אז איהר פיהרט זיך אויף אין אייער הויז פונקט פערקעהרט, ווי אין דער תורה שטעהט.

— מיט וואָס, רבי? — האָט פערוואונדערט געפרעגט דער באראָן.

— אָט מיט דעם, — האָט ר׳ ישראל מיט א שמייכעל דערקלערט:—אין דער תורה שטעהט: „וישמן ישורון ויבעט״ — א יוד אז ער ווערט רייך, בריקעוועט ער און פערגעסט אין גאָט. און ביי אייך איז פונקט פערקעהרט: אייער גאַנץ עשירות, מיט וועלכער גאָט האָט אייך געבענשט, האָט גאָרנישט צום שלעכטען געווירקט אויף אייך. אלץ איז ביי אייך אין הויז כשר וישר אויפ׳ן בעסטען עכט-יודישען אופן. נו, איז עס נישט ביי אייך פערקעהרט, ווי אין דער תורה שטעהט?...

.6

צו ר׳ ישראלין זענען די בעלי-בתים פון א נאָהנט קליין שטעדטעל געקומען בעקלאָגען זיך אויף זייער שוחט, א פרומער יוד, באשר ער איז א קנאפער מומחה אין „שטעלען א חלף״ און דערפאר געפאָדערט פון רב ער זאָל פסל׳ען זיין שחיטה. ר׳ ישראל האָט זיי אָבער געענטפערט:

— איך וויל ליבערשט האָבען א שוחט, וואָס זאָל זיין 99 פראָצענט יוד און 1 פראָצענט שוחט, איידער ער זאָל זיין פערקעהרט: 99 פראָצענט שוחט און 1 פראָצענט יוד...

.7

ר׳ ישראל סאַלאַנטער איז אמאָל געפאָהרען זומער-צייט מיט א יודישען בעל-עגלה פון ווילנא קיין סמארגאָן. ווען די פוהר איז צוגעפאָהרען צו א לאָנקע, אויף וועלכער עס זענען געלעגען צום אויסטריקענען זיך קופעס פון פריש-אָבגעקאָשעטען היי, איז דער בעל-עגלה אראָבגעשפרונגען פון וואָגען, ארומגעקוקט זיך א ווײַלע

אין אלע זייטען, צי מ'זעהט נישט, געכאפט א פולען אָרעם חיי און געלאָזט זיך דערמיט לויפען צום וואָגען. ר' ישראל האָט א געשריי געטון:

— חיימן (אזוי האָט דער בעל-עגלה געהייסען), מען זעהטן

פערשטעהט זיך, אז חיים איז פון דעם געשריי שטארק דער-ציטערט געוואָרען, האָט אוועקגעוואָרפען דאָס גע'גנב'עטע היי, ארויפגעכאפט זיך אָהן א נשמה אויפ'ן וואָגען און, מורא-האָבענ-דיג, צי מען יאָגט איהם נישט נאָך, האָט ער גענומען אזוי שטארק שמייסען די פערד, אז אין א קורצער צייט ארום האָבען זיי דער-גרייכט סמארגאָן. דעמאָלט האָט זיך ערשט דער בעל-עגלה בערוהיגט און געפרעגט ר' ישראל'ן, ווער איז דאָס געווען דער זעהער: א פריץ, צי א פויער?

— נישט קיין פריץ און נישט קיין פויער — האָט ר' ישראל געענטפערט — נור גאָט אין הימעל האָט דיך געזעהן גנב'ענען דאָס היי. דערפאַר האָב איך געשריגען: חיים, מען זעהטן...

8.

מ'האָט געפרעגט ר' ישראל'ן: פאַרוואָס צו בענשען במזין דארף מען „שבעה שאכלו" און צו דאווענען בצבור איז גענוג „ששה מתפללים"?

— ווייל דער אויבערשטער וויל בעסער—האָט ער געענטפערט —אז נאָך א יוד זאָל עסען, איידער נאָך א יוד זאָל דאווענען...

9.

ר' ישראל האָט זיך נוהג געווען אליין צו שטעהן בעת'ן באַקען פון זיינע מצות אויף פסח, כדי אכטונג צו געבען אויפ'ן קנעטען, וועלגערען און באַקען. איינמאָל אין ערב פסח איז ר' ישראל שטארק קראנק געוואָרען און נישט געקאָנט געהן אליין צום באַקען פון זיינע ערב פסח'דיגע מצות. זענען געקומען זיינע תלמידים און איהם געפרעגט:

– רבי, וואָס זאָלען מיר אין זין האָבען בשעת'ן באַקען?

— איהר זאָלט דעם עיקר דעמאָלט געדענקען, נישט מצער זיין די אָרימע קנעטערין. זי איז נעבעך אַן אַלמנה...

ו.

ר׳ יושע בער פון בריסק.

1.

א רייכער פראָסטער יוד פון בריסק האָט געברענגט זיין זוהנ־דעל, א נישט־איבעריג גוט קעפּעל, צום בריסקער רב, ר׳ יושע בער, ער זאָל איהם פערהערען אין לערנען. נאָכ'ן פערהערען, רופט זיך אָפּ דער רב צים פאטער, וועלכער האָט געהאלטען זיין זוהנדעל פאר א שטיק עלוי און דערפאר אונגעדולדיג געוואַרט אויפ'ן רב'ס מיי־נונג איבער איהם: מיינע קינדער אין אייער יונגעלים יאָהרען זאָלען נישט ערגער האַלטען פאר איהם. פערשטעהט זיך, אז א צעשמאָל־צענער פון נחת האָט זיך דער גליקליכער פאָטער געשפּירט פון רב'ס רייד. זיינע ווערטער האָט ר׳ יהושע בער נאָכ'ן אוועקגעהן פון דעם פראָסטען נגיד אויסגעטייטשט צו די פער'חידושיטע אַנוועזענדע אזוי: איך האָב מיר געוואונשען, אז אויך מיינע קינדער זאָלען בע־סער לערנען קענען פאר מיר, פונקט אזוי ווי דאָס יונגעל איז בע־שטימט א גרעסערער ידען פאר זיין עם־הארצ'ישען פאָטער...

2.

א געוויסער ליטווישער רב, אויף וועמען מ'האָט שטאַרק גע־רעדט, אז ער נעמט שוחד, איז אויף דער עלטער הינקעדיג געוואָרען. האָט זיך דער עולם שטאַרק געוואונדערט: ווי קומט עס, וואָס אַנ־שטאָט בלינד צו ווערען, אזוי ווי אין דער תורה שטעהט: כי השוחד יעור פקחים (שמות כ״ג, ח׳), איז ער גאָר לאָם געוואָרען?

האָט עס אָבער ר׳ יושע בער אזוי פערענטפערט: ווי בעוואוסט, זאָגען אונזערע חכמים אין תלמוד (שבת קי״ג ע״ב), אז פון צו־געשווינד געהן קאָן מען בלינד ווערען (פסיעה גסה נוטלת אחת

מחמש מאות ממאור עיניו של אדם). נו, ווען דער רב וואָלט גלייך בלינד געוואָרען, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אז ס׳איז כלל נישט צו־ליעבין שוחד נעהמען, נור ווייל ר׳האָט געמאַכט א פסיעה גסה. יעצט אָבער, ווען ערשט נאָכ׳ן הינקעדיג ווערען, וועט ער בלינד ווערען, וועט די גאַנצע וועלט וויסען, אז ס׳איז נור א שטראָף פאַר׳ן שוחד נעהמען...

3.

אויף נאָך א צווייטען רב, א נישט איבעריג קלוגען, האָט מען אויך גערעדט, אז ער נעהמט שוחד פון בעלי-דינים בעת א דין-תורה.

דער דאָזיגער רב האָט זיך אָבער געעלטערט אין יאָהרען און נישט געוואָלט בלינד ווערען...

האָט זיך טאַקי דער עולב דערויף שטאַרק געחידושט: פאַרוואָס עס ווערט נישט מקוים אויפ׳ן רב דער תורה׳ס פאָראויסגעזאָגטע שטראָף.

ר׳ יושע בער האָט עס ווידער פערענטפערט דערמיט, וואָס אין דער תורה שטעהט, אז שוחד מאַכט בלינד נור די קלוגע רבנים (די השוחד יעור פקחים), אָבער נישט קיין טפשים.

4.

אויף א זעהר פּראָדוקטיווען מחבר, אָבער א׳נעני בדעת, וואָס האָט געהאַלטען כסדר אין איין דרוקען און ארויסגעבען ספרים, האָט ר׳ יושע בער געזאָגט א גלייכוווערטעל: והיה ראשיתיך מצער ואחריתך ישגא מאד (איוב ח׳, ז׳) א קעפעלע האָסטו א קליינס, אָבער ספרים וועסטו נאָך דיר איבערלאָזען א שפּאָר ביסעל...

5.

א מחבר א׳נעני בדעת איז געקומען צו ר׳ יושע בער׳ן, ער זאָל איהם געבען אַ׳הסכמה אויף זיין חבור. ר׳ יושע בער האָט אָנגע־

הויבען זיין הסכמה מיט׳ן פסוק: „אז ירננו כל עצי יער״ (תהלים צ״ו, י״ב,) כי נתחבר ספר כזה . ד. ה. עס וועלען זיך אמאל פרייען די ביימער אין יאלד, ווייל ס׳איז פערפאסט געווארען אזא ספר. דעם זין פון די ווערטער האט ער אויסגעטייטשט אזוי: די וועלט זאגט נאך פאר א מדרשים ווענען, אז ווען משיח וועט קומען, וועט מען אלע אונגוצליכע ספרים פערברענען. נו, וועלען זיך דאך דער-מאלט די ביימער אין וואלד פרייען, וואס אנשטאט זיי, וועט מען ברענען אזעלכע ספרים, ווי דאס ספר פון דעם מחבר...

.6

א מחבר איז געקומען צו ר׳ יושע בער׳ן און געבעטען פון איהם א הסכמה אויף זיינע צוויי קאמענטארען, וואס ער האט פערפאסט אויף משלי און איוב. אויף איוב האט ער בעקומען א הסכמה, דאגעגען אויף משלי האט איהם דער רב נישט געוואלט געבען. אויף דער פראגע פון מחבר: מה נשתנה איוב ממשלי? האט ר׳ יושע בער געענטפערט: איוב האט געהאט פיעל צרות, וועט איהם נישט שא-דען אויך אייער נייער פירוש... דאגעגען אבער שלמה המלך, דער פערפאסער פון משלי, וואס ס׳איז איהם כל ימיו גוט געגאנגען, זאל ער אויך יעצט פון קיין צרה נישט וויסען...

.7

די פראסטע מענשען, נישט קיין בני תורה, איז עס א גאנצער ענין צו דערגעהן בעת׳ן ראש-חודש-בענשען אין שבת מברכים, ווען דער מולד איז. דאגעגען רבנים און לומדים פעראינטערעסירען זיך אבער דערמיט גאנץ ווענינ. אזוי-ארום זענען שוין א סך גדולים געבראכט געווארען אין פערלעגענהייט צוליעב דעם, וואס זיי האבען נישט געקאנט ענטפערען אויף דער פראגע: ווען איז דער מולד, און דער עולם האט זיי דערפאר פון דעמאלט-אן געהאלטען פאר אוים-גדולים. ס׳איז א פאקט, אז דער גרויסער ר׳ חיים וואלא-זשינער איז נישט געווארען רב אין ווילקאמיר נור דערפאר, ווייל

ער האָט נישט געקאָנט ענטפערען אויף דער פראַגע: ווען איז דער מולד? פון ר' יושע בערין דערצעהלט מען, ווי אזוי ער האָט זיך אָבער דורך קלוגע איינפאַלען צוויי מאָל ארויסגעדרעהט פון אזא קלאָץ-פראַגע און געבליבען דער זיגער... אנ'אַלטער בריסקער בעל-הבית איז צוגעקומען צום רב אין בית-המדרש און געפרעגט: רבי, ווען איז דער מולד? ר' יושע בער האָט זיך צובייזערט אויפ'ן פרעגער: א חרפה און א בושה, אז אזא אַלטער יוד זאָל נאָך אַלץ נישט ווי-סען, ווען דער מולד איזן דער פרעגער האָט פון איהם זיך בחרפתנו גיך אָבגעטראָגען.

8.

א צווייט מאָל ווידער האָט מען די זעלבע פראַגע געשטעלט ר' יושע בערין אין שבת מברכים ביים דאַוונען בשעת זיין אויפ-האַלטען זיך אין א דאַרף זומער-צייט. ר' יושע בער האָט געענט-פערט, אז דער דין איז, דאָס מ'טאָר נישט פסק'ענען אזא שאלה פון אויסענווענינ, קוים איז דאָ א לוח אויפ'ן אָרט. די דאָרפס-לייט האָבען גענומען נישטערען און זוכען אין זייערע שטובען און האָבען קיין לוח נישט געפינען. ערשט דעמאָלט איז שוין ר' יושע בער זיכער געווען, אז קיינער וועט איהם נישט כאַפּען ביי קיין טעות און ער האָט געזאָגט, ווי ס'איז איהם איינגעפאַלען...

9.

מען האָט געפרעגט ר' יושע בערין: פאַרוואָס על פי רוב אין די גרויסע שטעדט איז דאָ נור איין רב און, א גדול-בתורה, און דוקא אין די קליינע שטעדטעלעך בעגנוגענט מען זיך נישט מיט איינעם, נור מ'מוז האָבען צוויי אָדער גאָר דריי רבנים?

דער רב האָט געענטפערט: אזוי פיהרט זיך שוין אין לעבען: א נגיד קויפט זיך איין קוה פאַר זיין געברויך און האָט דערפון מילך גענוג, דאַגעגען דער אָרימאַן קויפט זיך צוויי קאָזעס און האָט פון זיי ביידע דאָס חולאת...

אין בריסקער הקדש איז געשטאָרבען אַנ'אָרימאַן א הייזער־געהער האָט מען געפונען ביי איהם איינגענעהט אין זיינע בגדים א גריוסע סומע געלד. האָט זיך דערפאַר געקאַכט אין דער שטאָדט און די גבירים האָבען פערמאַכט זייערע טהירען פאַר די אָרימע־לייט מיט'ן תירוץ, אַז אַלע שנאָרערס זענען אָנגעשטאָפּט מיט געלד.

האָט זיך דערויף ר' יושע בער אָבגערופען אין זיינם א דרשה: זעהט נאָר ווי אונגליקליך דער אָרימאַן איז, אַז אַזויפיעל אָרימע־לייט פערשטעלען זיך כסדר אין בריסק פאַר... נגידים איז שאַ שטיל. ווען אָבער איין נגיד האָט זיך פערשטעלט פאַר אַנ'אָרימאַן קאָכט זיך שוין דערמיט די גאַנצע שטאָדט, אַז הימעל עפען זיך!

ר׳ הירש ליב (הנצי״ב) בערלין.

ר׳ הירש ליב בערלין, דער בעוואוסטער ראש-ישיבה פון וואָלאָזשין האָט ביי זיך אין דער שטוב דערהערט, אַז פון דער ישיבה דערטראָגען זיך צו הויכע, פרעהליכע קולות. ער האָט פערשטאַנען, אַז די ישיבה- בחורים האָבען אויסגענוצט זיין אַבוועזענהייט אום צו אמוזירען זיך אַביסעל אין גימנאַסטיק און פעכטען. דער ראש-ישיבה, וואָס איז געווען א שטאַרקער קפדן אויף בטול תורה, האָט דערפאַר געאיילט צוריק אין דער ישיבה אריין. ביים ראש-ישיבה׳ס ערשיינען איז געוואָרען שא-שטיל, און אלע האָבען זיך גענומען צו עפענען די גמרות, וואָס זענען געלעגען אויף די טישען. ר׳ הירש ליב האָט זיך אַנגעבויגען צום ערשטען סמוכ׳דיגען בחור און דערזעהען, אַז ער לערענט גאָר די גמרא „שבועות״ און נישט די מסכתא פון „שיעור״. דער ראש-ישיבה האָט אויפגעמישט און געוויזען דעם לערנער די שטעלע פון דער גמרא: מכדי תנא ממכות קא סליק מאַ שנא דתני שבועות? ד. ה. דער לערנער האָט זיך דאָך ערשט אָבגעפאַרטיגט מיט׳ן שלאָגען, טאָ וואָס האָט ער עפעס באַלד דערנאָך אָנגעהויבען צו לערנען גאָר די גמרא שבועות?...

2.

ר׳ חיים סאָלאָווייטשיק, ר׳ יושע בער׳ס זוהן, וואָס האָט נאָך אין זיין יונגענד שוין געשם׳ט פאַר אַנ׳עלו און גאון, האָט זיך נוהג געווען אריינצונעהמען אויף א שפאַציר אין מיטען טאָג פון דער וואָלאָזשינער ישיבה צוויי גוטע בחורים, ארויפגעלעגט אויף זייערע אַקסלען זיינע צוויי אָרימס און אַזוי זאַלבעדריט געגאַנגען מיט זיי

און געדערדט אין לערנען. דעם ראש-ישיבה, ר׳ הירש ליבן איז ר׳ חיים׳ס דאָזיגע התנהגות נישט געפעלען, ווייל ער איז מבטל די בחורים פון „שיעור״ האָט ער דערויף געזאָגט די תלמידישע רעדענ-סאַרט: „ר׳ חיים (אין אַבּרעוויאַטורישער פאָרם אָנשטאָט: רח — אַ מיהל, אין טעקסט) על צוארו ויעסוק בתורה״—ר׳ חיים העגנט איהם אויפן האַלז, טאָ ווי אַזוי קאָן ער לערנען?...

.3

ר׳ הירש ליב, וואָס איז בעריהמט געוועזען מיט זיין אויסערגע-וועהנליכער התמדה און לערנען, האָט אויסגעטייטשט דעם מאמר חז״ל „הנפטר מן חבירו אל יפטר ממני אלא כדבר הלכה״, אַזוי: אויב עס קומט צו דיר צו דיינס אַ חבר און דו ווילסט דיך אָבּטשע-פּען פון איהם טאָ האָסטו דערצו איין עצה: אויפצומאַכען אַ ספר און אָנצוהויבען צו לערנען. ער וועט דאַן שוין אַליין פון דיר אַנט-לויפען...

.4

אויף די משכילים, וועלכע האָבען פערפאַסט חקירה-און פי-לאָזאָפיע-ספרים און דערמיט אונטערגעגראָבען די אמונה ביי זייע-רע לעזערס, האָט ר׳ הירש ליב אַמאָל געזאָגט, אַז אויף זיי זאָגט דאָס די גמרא אויפן פסוק: „אותי עזבו ותורתי שמרו״: הלואי אותי עזבי ותורתי שמרו. ד. ה. אַז גאָט זאָגט: הלואי וואָלטען זיי, די פי-לאָזאָפען, מיך אָבּגעלאָזט און אויפגעהערט זיך צו חקר׳נען איבער די גאָטהייט, דאַן וואָלטען זיי ממילא שוין מיין תורה אָבּגעהיטען, ווייל צופיעל חקר׳נען זיך ברענגט אפיקורסות...

.5

ר׳ הירש ליב זייענדיג אין קעניגסבערג, האָט ער בעזוכט דאָרט די דייטשע סינאַגאָגע אָדער רעפאָרם-טעמפעל, אַ זעהר שעהנע און

פרעכטיגע געביידע. אויפ'ן סופיט זענען געווען קינסטלעריש אויפ־געמאָלט א לעמפערט מיט דער אויפשריפט: **עז כנמר** (שטאַרק ווי א לעמעפּרט), א לייב־גבור כארי, אַנ'אָדלער — קל כנשר און א הירש מיט דער אויפשריפט: רץ כצבי.

ר' הירש ליב האָט זיך דאַן אויסגעדריקט: ווי איך זעה זע"ז'ן דאָ אויפ'ן סופיט אויסגעמאָלט אַלע ווערטער פון ר' יהודא בן תימא אין פרק. עס פעהלט אָבער דערצו דער סוף, וואָס איז דער עיקר פון זיין גאַנצען מאמר: לעשות רצון אביך שבשמים...

.6

ר' הירש ליב בערלין האָט, בשעת זיין אויפהאַלטען זיך אין קעניגסבערג, וואו אהין ער איז געקומען זאמלען געלד פאַר זיין ישיבה אין וואלאזשין, איינגעקוואַרטירט ביים דאָרטיגען שוחט. איינמאָל זעהט ער ווי פאַר'ן שחט'ען א בהמה האָט דער שוחט פרי־הער אויסגעטרינקען פיער גלעזליך בראָנפען, וואָס ס'איז על פי דין אסור. רופט ר' הירש ליב צו דעם שוחט און זאָגט צו איהם: יעצט, זעהט איהר, איז מיר פערענטפערט געוואָרען א שווערע קשיא: אין „חד גדיא" נאָך דער הגדה שטעהט צום סוף: ואתא הקב"ה ושחט למלאך המות דשחט לשוחט ד. ה. אז גאָט האָט פערטיליגט דעם דעם מלאך המות דערפאַר, וואָס ער האָט געשחט'ען דעם שוחט. איז דאָך שווער: פאַרוואָס אייגענטליך קומט דעם מלאך המות א שטראָף, ער איז דאָך גערעכט געווען דערמיט, וואָס ער האָט גע־שחט'ען דעם שוחט? וואָרום א פערברעכען איז בעגאַנגען צום ערש־טען די קאַץ, וואָס זי האָט פערציקט דאָס אונשולדיגע קאָזעלע. דאַגעגען גערעכט איז געווען דער הונד, וואָס האָט מקיים פסק גע־ווען דער פערברעכערישער קאַץ. און אזוי ווייטער כסדר: אונגע־רעכט איז געווען דער שטעקען און דאַגעגען גערעכט איז געווען דאָס פייער, אונגערעכט דאָס וואַסער און גערעכט דער אָקס, אונגע־רעכט דער שוחט און דאַגעגען, ווי שוין געזאָגט, זעהר גערעכט איז געווען דער מלאך־המות. היינט־זשע פאַרוואָס האָט דער שוחט בע־קומען אומזיסט אַזא שווערען סוף? איז אָבער דער תירוץ אזוי:

די שוחט, יאָ גערעכט, נישט גערעכט, אָבער נאָך די ארבע כוסות האָסטו נישט געברויכט צו שחט'ען!...

.7

צום נצי״ב איז איינער געקומען צו גאַסט. האָט מען איהם דערלאַנגט אַ שטוהל צו זיצען. אַזוי אָבער ווי דער גאַסט איז געווען אַ בעל-בשר, האָט דאָס געפלאָכטענע געזעס נישט אויסגעהאַלטען די משא און געפּלאַצט ביים אַרויפזעצען זיך. דער גאַסט איז, פער-שטעהט זיך, אַרויסגעפאַלען און גוט צוקלאַפּט זיך. דער נצי״ב, וואָס האָט געוואָלט מיט אַ גוט וואָרט פערגיטיגען דעם פערשעמטען אורח, האָט זיך צו איהם אָבגערופען: עס האָט מיט אייך פּאַסירט דאָס אייגענע, וואָס מיט יעקב אבינו. ביי יעקב'ן שטעהט, אַז ווען די שטיינער אין בית אל האָבען צווישען זיך געאַמפּערט יעדער האָט געוואָלט, דאָס נאָר אויף איהם זאָל יעקב לעגען דעם קאָפּ, האָט גאָט געמאַכט אַ פשרה און פון אַלע שטיינער איז געוואָרען איין שטיין. אויך דאָ איבער אייך האָבען זיך קענטיג די געזעס-לע-בערליך געקריגט: יעדעס האָט געוואָלט, דאָס נאָר אויף איהם זאָלט איהר זיך זעצען. נו, איז געוואָרען אַ פשרה און פון די אַלע לעבער איז געוואָרען איין גרויס לאָך...

ח.

ר' מאיר ליבוש מלבי"ם

.1

דער מלביים, ארויסגעהענדיג איינמאל פון שול אין שבת, האט ער דערזעהען אויף דער גאס ווי א יוד בעהט א פאפיראס פון א צווייטען יוד, א רויכערער. רופט זיך אב דער מלביים צום בעטער:

— ווי איך זעה, האסטו דעם: „עשה שבתך חול" (ווי בע-וואוסט לערנען אונז די חז"ל אין תלמוד: עשה שבתך חול ואל תצטרך לבריות — זאלסט אפילו דיין שבת וואכעדיג מאכען און צו קיין מענש זאלסטו נישט אנקומען.) טאקי מקיים געווען, דאגע-גען אבער פון דעם: „ואל תצטרך לבריות" האלטסטו גאנץ ווייניג...

.2

א מחבר מיטן נאמען יעקב האט געברענגט זיין חבור „ויאמר יעקב" (און יעקב האט געזאגט) צום מלביים, ער זאל איהם דערויף געבען א הסכמה. קוקט דער גאון אריין אין מאנוסקריפט און גע-פונט אבער דארט נישט קיין איין ווארט, וואס זאל כדאי זיין „גע-זאגט" צו ווערען. רופט ער זיך דאן אב צום מחבר:

— יעצט פערשטעה איך שוין פארוואס איהר האט א נאמען געגעבען אייער חבור: „ויאמר יעקב": ווייל אויך אין דער תורה גע-פינט זיך אויף איין ארט א פסוק: ויאמר יעקב (בראשית ל"ב כ"ה) — יעקב האט געזאגט, און באמת שטעהט דארט גארנישט דערנאך וואס ער האט געזאגט...

דער מלבי״ם האָט אַזוי אויסגעטייטשט דעם מאמר חז״ל „חכם שמת הכל קרוביו״ (שבת ק״ה):

— אַ חכם, אַז ער שטאַרבט זענען אַלע זיינע קרובים. כידוע, איז: לא לחכמים לחם (קהלת ט׳) — אַלע חכמים זענען אויף גרויסע צרות. דערפאַר ביים לעבען בעהאַלטען זיך אויס פאַר איהם אַלע זיינע קרובים, כדי ער זאָל זיך נישט ווענדען צושטעפען צו זיי. ערשט ווען דער חכם שטאַרבט און ברויכט שוין מעהר נישט זייער חסד, דעמאָלט שטאַלצירען ערשט זיינע קרובים, אַז דער פערשטאָרבענער חכם איז געווען פון זייער משפחה...

4

אין בוקאַרעשט, וואו דער גאון מלבי״ם האָט ראָרט אַ צייט פערנומען דאָס כסא-הרבנות, איז געווען אַ פרנס אַ זעהר „פרייעדי״ יוד מיט׳ן ביינאָמען „שטערן״. איז דער דאָזיגער פרנס געווען אַמאָל צוזאַמען מיט׳ן רב און מיט נאָך אנשים נכבדים אין שוהל אויף אַ בעראַטונג, וואָס האָט זיך געצויגען ביז אויפדערנאַכט.

ווען די בעראַטונג האָט זיך שוין געענדיגט און מען האָט דערנאָך זיך געוואָלט דאָרט שטעלען דאַווענען מעריב בצבור, האָט זיך דער פרנס שטערן מקדים געווען און אַרויסגערוקט זיך אונבעמערקטערהייט פון שוהל. האָט עס דעם עולם יודען פערדראָסען פאַרוואָס דער פרנס גרייסגשעצט די תפלה בצבור. האָט זיך אָבגערופען צו זיי דער מלבי״ם:

— קענטיג, אַז אונזער פרנס מוז גאָר זיין אַ תלמיד-חכם: ער ווייסט, אַז מעריב דאַווענען טאָר מען נישט פריהער ווי זמן צאת הכוכבים — ביז שטערן געהען אַרויס (אויפ׳ן הימעל)...

.5

דער מלבי״ם, זייענדיג אמאָל אין פאריז איז ער איינגעלאדען געוואָרען אויף א שמחה, וואו עס זענען אָנוועזענד געווען איוך אַנ־דערע פינף רעפאָרמירטע ראבינערס. האָט זיך איינעם פון די ראַ־בינערס פערגלוסט חוזק צו מאכען אביסעל פון פאטריארכאליש־אויסזעהענדיגען פוילישען רב, און רופט זיך אָב צום עולם:

— זעהט איהר, אָט דער רב זעהט אוים ווי משה רבינו!

— און איהר פינף ראַבינערס — האָט אָבגעענטפערט דערויף דער מלבי״ם — זייט ווייטער „געגען" (ד״ה קאָנטראַ) די חמשה חומשי תורה, וואָס דער אוגענער משה האָט געגעבען צו די יודען...

.6

די ערשטע צוויי יודישע זשורנאלען אין רוסלאנד, דער „ראַז־סוויעט" (פרהמאָרגען) אין אָדעס, און „הבוקר־אור" אין ביאַלי־סטאָק, האָבען צווישען זיך שטארק קאָנקורירט און דערפאר געזי־דעלט איינער דעם צווייטען מיט די גרעסטע זלזולים. האָט דער גאון מלבי״ם געזאָגט אויף זיי א משל:

— צו וואָס זענען זיי גלייך? צו צוויי הינד, וואָס האָבען אין א פינסטערער נאכט געוואַנדערט אין וואלד. דערזעהענדיג זיך פון דערווייטענס, האָט יעדער איינציגער געמיינט, אז דער צווייטער איז גאָר א וואָלף (דער הונד זעהט דאָך אוים ווי א וואָלף) ערשט ווען דער „פריהמאָרגען" איז אויפגעגאנגען, האָבען זיי זיך דער־קענט, אַז זיי ביידע געהערען צו איין ראַסע...

.7

א בחור׳ל, וואָס האָט געענדיגט דאָס גימנאַזיום אין קיעוו, איז געקומען צום מלבי״ם פרעגען איהם, צי מעג ער, נור לפנים וועגען, אביסעל אונטער׳שמדין זיך, כדי אָנצוקומען אויפ׳ן אוני־ווערזיטעט, וואָס איז, כידוע, פערמאכט געווען פאר יודען. — איך

בין בײַ מיר זיכער — האָט דער גימנאַזיסט געזאָגט דעם מלבי״ם — אַז דאָס ביסעל שמד-וואַסער, וואָס דער גלח וועט אויף מיר אַרויפ-שפּריצען, וועט אויף מיר גאָר קיין ווירקונג נישט האָבען: איך וועל אינערליך בלייבען דער אייגענער גוטער יוד, ווי פריהערן — דער מלבי״ם האָט איהם געענטפערט:

— דו האָסט דאָך אוודאי געלערענט אין חדר, וואָס גאָט האָט געזאָגט צו אברהמ׳ען: „ושמתי את זרעך כעפר הארץ״, ד. ה., אַז דאָס יודישע פאָלק איז געגליכען צו דער ערד. לאָמיר זעהן: די ערד גיעט בטבע אַרוים גוטע און נוצליכע געוויקסען. גיסט מען אָבער אויף איהר אַרויף אַביסעל איבעריג וואַסער, דאַן ווערט פון דער ערד א פּאַסקודנע בלאָטע. אַזוי האָב איך אויך מורא, אַז דאָס שמד-וואַסער זאָל אַמאָל פון דיר נישט מאַכען א מיאוסע בלאָטע...

דער מלבי״ם האָט זיך, ווי בעוואוסט, אין בוקאַרעשט פער-שאַפט זעהר פיעל שונאים צוליעב זיינע מוסר-דרשות, וואָס ער האָט זעהר אָפט געהאַלטען אין די דאָרטיגע שוהלען, אין וועלכע ער האָט שטאַרק געשטראָפט די האַרטהערציגע בוקאַרעשטער גבירים פאַר זייער שלעכטע בעציהונג צו זייערע אָרימע ברידער.

איינער פון זיינע שונאים, א גרויסער גביר, איז געשטאַנען אַמאָל אין שבת אויפ׳ן באַלקאָן פון זיין הויז, פונקט דעמאָלט, ווען דער מלבי״ם איז צוריקגעגאַנגען פון דאַווענען אין שוהל. האָט דער גביר אַראָבגעשריגען פון באַלקאָן צום מלבי״ם:

— רבי, וועלכע סדרה לייענט מען היינט?

האָט איהם דער מלבי״ם אָבגעענטפערט:

— איהר ווייסט דאָך, אַז איך בין שוין נישט קיין יונגערמאַן און דערזעה נישט די קליינע אותיות פון חומש. אויבען האָב איך אָבער געזעהן שטעהן (אין די גרויסע אותיות): קרח...

.9

אין בוקאַרעשט איז געווען אַ יוד אַ חצי משכיל, חצי שוטה, וועלכער האָט זיך געהאַלטען פאַר אַ גאַנצען ביבעל-קריטיקער און בסדר געמאַכט גרייזען אין תנ״ך. איינמאָל, ווען דער ביבעל-קריטי־קער האָט דערצעהלט דעם מלביי״ם וועגען אַ כלומרשט גרויסען גרייז, וואָס ער האָט געמאַכט אין דער תורה, האָט איהם דאַן דער רב געענטפערט:

— יאָ, איך מוז שוין יעצט מודה זיין, אז די ביבעל-קריטיקער זענען גערעכט און אַז נישט אַלץ, וואָס ס׳שטעהט אין תנ״ך איז אמת ויציב. וואָרום אין מגילת אסתר שטעהט, אַז מען האָט ויזתא׳ן אויפגעהאָנגען און לסוף זעה איך ער דרעהט זיך אַ לעבעדיגער אַרום אויף דער וועלט...

ט.

ר׳ ברוך מרדכי פון שעדלעץ

1.

אין שבת בראשית איז דער גבאי פון דער שעדלעצער שוהל ארויפגעגאנגען פארן לייענען אויפ׳ן בעלעמער און גענומען ארויס־לייענען פון א פאפיר די נעמען פון די „שעהנע יודען״, וואס וועלען היינט עולה־לתורה זיין. האט זיך דער שעדלעצער רב אויפ׳ן גבאי אנגעבייזערט:

— היינט לייענט מען דאך „בראשית״ און דו לייענסט גאר „שמות״ (נעמען)?...

2.

אין א קריזיס־יאהר, ווען אלע יודישע סוחרים האבען דער־לעגט צו זייערע מסחרים און זעהר פיעל האבען געמוזט זאגאר באנקראטירען, אין אזא צייט, האט א מחבר געברענגט זיינס א חבור צו ר׳ ברוך מרדכי׳ן, ער זאל איהם געבען דערויף א הסכמה. האט זיך דער רב אנגערופען צום מחבר:

— עס וואונדערט מיך שטארק אויף אייך, וואס אין אזא צייט, ווען אלע יודען מאכען א חיסור, מאכט איהר גאר א חיבור?...

איך קאן אייך אבער פערענטפערען — האט דער רב באלד דער־נאך צוגעגעבען — דערמיט, וואס אויך פון אייער חיבור וועט איהר האבען חיסור...

3.

א ישיבה־בחור, א בעל־גאוה און בעריהמער האט זיך אמאל

געריהמט פארין שעדלעצער רב, דאס ער קען רעדען אויף פיר שפראכען.

— אויב אזוי, ביסט דו דאך א בהמהן — האט ר׳ ברוך מרדכי צו איהם זיך אבגערופען — ווייל די גמרא זאגט: (זקוה) „כי משמש בדי לשונות״...

4.

א חסידישער יונגערמאן, א „קעסט-קינד״ ביי זיין רייכע שוועהר, וואס האט כלומרשט געגאלטען פאר א לערנער, האט זיך געריהמט פרייטאג-צונאכטס אין בית-המדרש פארין שעדלעצער רב, דאס ער האט היינט בייטאג אליין גע׳פסק׳נט א שווערע שאלה בחלכהן

— וואסערע שאלה איז עס געוועןז — פרעגט איהם דער רב.

— די דינסט האט זיך טועה געוועזן און געמאכט דעם קוגעל אין א מילכיגען טאפ און אריינגעשטעלט איהם אזוי אין טשאלענט אריין.

— און וואס האסטו גע׳פסק׳נטז

— כשרן —

— אויף וועלכען סמךז

— ווייל איך האב נאכגעזוכט אין גאנצען „חיי אדם״ הלכות שבת... און כ׳האב דארט אין ערגעץ נישט געפונען א דין, אז אזא קוגעל זאל זיין טריף...

— פון דיינע רייד זעה איך — האט דער רב פערענדיגט דאס געשפרעך, — אז נישט בלויז קיין „חכמת אדם״ האסטו נישט, נור אפילו קיין „בינת אדם״ (חכמת אדם און בינת אדם זענען צוויי בעקאנטע חבורים פון דעם מחבר פון „חיי אדם״ און „נשמת אדם״) פערמאגסטו אויך נישט. א שאר איז נור דער „נשמת אדם״, וואס געפינט זיך נאך ביי דירן...

5.

ווען ס׳איז אין שעדלעץ אויסגעבראכען די חלירע-עפידעמיע

האָבן זיך די שעדלעצער יודען צוזאַמען כּיטין רב פערזאַמעלט אין שוהל און גענומען זאָגען תהילים און בעטען גאָט, ער זאָל איינשטי־לען די מגיפה. געוועהנליך האָבען נישט געפעהלט צווישען די מתפּללים קיין ספּאַזמאַטישע געוויינען און יללות.

אַמעייסטען געשריגען און געליאַרעמט האָט דעמאָלט אַ פּראָ־צענטניק: ער האָט ממש וועלטען איינגעלעגט.

נעהט צו איהם צו דער רב און רוימט איהם איין אויפ'ן אויער:

— דערבּאַרעמט אייך און מאַכט צו דאָס מויל. וואָרום זאָל גאָט דערהערען, אַז אויך איהר זענט דאָ צווישען אונז, וועלען מיר דאַן אַלע זיין פערלוירען.

.6

איינמאָל, אין ראש־השנה, האָט דער שטענדיגער בעל־תוקע, אַ זעהר פרומער יוד, וואָס האָט געהאַט אַ חזקה אויף די תקיעות שוין פון אַ רייהע יאָהרען, נישט געקאָנט בּלאָזען בשום־אופן אין שעדלעצער שול די תקיעות. ער האָט זיך נעבעך געמוטשעט און געפּרובט בּלאָזען אויף פערשיעדענע שופרות, אָבער אומזיסט: עס געהט נישטען האָט מען באַין ברירה אין שול געמוזט אָנקומען צו אַ צווייטען בעל־תוקע, אַ יוד, אַ קל במצוות און אַ שטיקעל בעל־עבירה, און יענער האָט געבּלאָזען אַזוי גלאַט און לייכט, אַז פּשוט אַ מחיהן

האָט זיך דערויף ר' בּרוך מרדכי אָנגערופען צי די פערי־חידוש'טע מתפּללים:

— איהר בּרויכט אייך כּלל נישט צו וואונדערען, וואָרום די זאַך איז גאָר לייכט צו פערשטעהן. כּידוע, איז עס אַניאַפּטע זאַך, אַז דער שטן זאָל זיך ראש־השנה אַריינלעגען אין שופר און נישט דערלאָזען די תקיעות. אַזוי האָט ער, דער שטן, טאַקי געטהון אויך בּשעת דער ערשטער בעל־תוקע, דער פרומער יוד, האָט געוואָלט בּלאָזען. דאַנגען דעם צווייטענס תקיעות האָט זיך דער בּעל־תוקע בעוואָרענט און אַזוי געזאָגט צום שטן: — איך האָרך דיך אַ גאַנץ יאָהר, טאָ האָרך מיך כאָטש איין מאָל היינט און שטער מיר נישט

דאָס בלאָזען... דער שמן האָט איהם צוליעב-געטהון און דערפאַר איז דעם צווייטענס בלאָזען דורכגעגאַנגען אזוי גלאַטיג...

7.

קיין שעדלעץ איז געקומען אמאָל א בעוואוסטער חסידישער רבי. ער האָט זיך אָבגעשטעלט אויף א צייט אין דער שטאָדט און, ווי דער שטייגער איז, געגעבען ברכות, געטיילט סגולות און דערפאַר גענומען פון די נצרכים פדיונות.

פלוצלינג האָט זיך צווישען דעם עולם חסידים בעוויזען אויך דער רב, ר׳ ברוך מרדכי, וואָס איז, כידוע, בטבע געווען א גרויסער מתנגד. דער רבי האָט מיט׳ן גרעסטען כבוד מקבל-פנים געווען דעם מרא דאתרא. געבעטען איהם זיצען און עניוות׳דיג איהם געפרעגט, נאָך וואָס ער האָט זיך מטריח געווען אליין צו קומען צו איהם מיט א וויזיט.

ר׳ ברוך מרדכי האָט געענטפערט:

— איך בין געקומען זעהן, ווי א יוד נעהמט בחנם געלדן...

8.

צום בעוואוסטען שעדלעצער רב ר׳ ברוך מרדכי איז געקומען אַן׳אַלטער אָנגעזעהענער יוד און געפרעגט, צי ער מעג מעלים זיין פון זיין נישט-יודישען שותף א גרויס פערדיענסט, פון וועלכען ער וועט זיך קיינמאָל נישט דערוויסען. דערביי האָט דער אַלטער יוד געגעבען דעם רב צו פרשטעהן, אז צוליעב זיין אָנגעזעהענקייט און בכבוד׳יגען פלאַץ, וואָס ער פערנעמט אין דער געזעלשאַפט, האָט ער א סך אויסגאַבען, ווי א שטייגער אויף צדקה און וואוילטעטיגע צוועקען, פון וועלכע זיין שותף, דער גוי, איז, פערשטעהט זיך, פטור.

ר׳ ברוך מרדכי האָט איהם אזוי געענטפערט:

— אין „עשרת הדברות" שטעהט דער לאו „לא תגנוב" אין איינצאָהל-פאָרם (מספר יחיד). אין פרשת קדושים (ויקרא י"ט י"א) שטעהט ווידער דער אייגענער לאוו אין מעהר-צאָהל (מספר

רבים)-לא תגנבו. ד.ה., אז דער איינצאָהליגער לאוו איז געזאָגט געוואָרען פאר יעדען געוועהנליכען יוד. דער מעהר-צאָהליגער לאו איז אָבער ספעציעל געשטעלט געוואָרען פאר אזא אָנגעזעהענעם אלטען יודען, ווי איהר זענט, וועלכען די גאנצע וועלט איהרצט, אז אויך ער טאָר נישט גנב'ענען.

פארוואָס רופט מען א קארגען, א קמצן: חזיר?

— ווייל—האָט ר' ברוך מרדכי געזאָגט—א קמצן איז אויך פונקט אזוי ווי א חזיר „מפרים פרסה", ד. ה.: ער וועט גערן איינשטימען צו געהן זאמלען נדבות פאר אנ'אָרימאַן, אָבער אליין איז ער נישט „מעלה גרה"—פון זיין קעשענע וועט ער גאָרנישט געבען...

.10

מען דערצעהלט, דאָס ווען ר' ברוך מרדכי איז נאָך געווען א ישיבה-בחור, האָט ער געפרעגט אמאָל זיינס א חבר, אויך א ישיבה-בחור, צי ער האָט גוטע „טעג"?

יענער האָט איהם געענטפערט:

— איך האָב איין באַלעבאָסטע, וועלכע שפייזט מיך דעם גאַנצען טאָג, וואָס איך עס ביי איהר, נור מיט קאשע: אין דערפריה קאשע מיט מילך, מיטאָגס—ווייטער צוגערייטע קאשע און אויפדערנאכט—ווידעראמאָל קאשע מיט פוטער.

ר' ברוך מרדכי האָט זיך דערויף אָבגערופען:

— און איך האָב א באַלעבאָסטע, וואָס שפייזט מיך א גאַנצען טאָג נישט מיט קאשע (קשיא), נור גאָר מיט א תירוץ: קום איך אין דערפריה, זאָגט זי מיר: די שטוב איז נאָכנישט אויפגערוימט, כ'זאָל קומען אביסעל שפעטער; צו מיטאָגס זאָגט זי ווידער: מ'וואשט די פאָדלאָגע, כ'זאָל ווייטער קומען שפעטער; א. א. וו. — אזוי ארום שפייזט זי מיך א גאַנצען טאָג מיט בלויז תירוצים...

ר' אליהו שיק פון קאברין

.1

איינער א גרויסער בעל-מחלוקת און א מחרחר ריב, האָט שטאַרק דערקוטשעט אין לידא דעם רב ר' אליהן און אויסגערעדט אויף איהם ממש „אסור לדבר". אזוי ווי דער רב איז געווען בטבע א גרויסער סבלן און האָט זיך פון די אַלע רכילות'ן גאַרנישט וויסען געמאכט, האָט דערפאר יענער שטאָדט-שייגעץ געוואגט וואָס אמאָל אַלץ מעהר און מעהר דעם רב צו בעזידלען און בעשמוצען. די גע-דולד פון די שטאָדט-בעלי-בתים, וועלכע האָבען זעהר ליעב געהאט זייער רב, האָט ענדליך געפלאצט און זיי זענען געקומען אמאָל צום רב מיט א קאטעגאָרישער פאָדערונג, ער זאָל מחרים זיין דעם הולך-רכיל'ניק פאר זיינע אַלע זלזולים און שימף-ווערטער, וואָס ער רעדט אויס אויפ'ן רב. ר' אליהו האָט גאַנץ רוהיג אויסגעהערט די פאָדע-רונג פון זיינע בעלי-בתים. דערנאָך ארויסגענומען פון ספרים-שאַנק א רייהע ספרים און גענומען אין זיי מעיין זיין, ווי א שטייגער ער האָט דאָ פאר זיך געהאַט א שווערע שאלה צו פסק'ענען. נאָך א צייט קלערען, רופט זיך אָב ר' אליהו צו די בעלי-בתים:

— איך פערשטעה, אז איהר ווילט מ'יך אין כעס אריינברענ-גען אויף יענעם עזות-פנים. אָבער, מיינע טייערע יודען, איהר ווייסט דאָך אודאי מיין טבע, אז איך בין זיך נוהג מעיין זיין אין ספרים איידער איך געה פסק'ענען עפעס א שאלה, טאָ דארפט איהר דאָך אויך פערשטעהן, אז מה-דאָך ביי א שאלה איבער א געוועהנ-ליכען איסור, אָדער לאוו, בין איך אזוי שטאַרק פאָרזיכטיג איך זאָל קיין פעהלער נישט מאכען, טאָ ווי אזוי ברויך איך שוין פאָרזיכטיג צו זיין ביים ענין פון כעס'ן זיך, וואָס די גמרא זאָגט (נדרים כ"ב):

ווער עס ווערט אין כעס, איז אויך דער גיהנום קארג פאר איהם דערפאר, פערשטעהט איהר, איז צו-וועניג דאס נאכקלערען א קליי־נע צייט אין ספרים איבער אזא שווערען ענין. זייט אזוי גוט און געהט דערוויל אהיים און איך וועל מיך בונתיים נעמען מעיין זיין אין מיינע ספרים. ווען איך וועל דארט אויסגעפונען עפעס א היתר אין דעם ענין, וועל איך גלייך שיקען נאך אייך און דאן ערפילען אייער וואונש...

.2

געפרעגט האט מען ר' אליהן: פארוואס אויף דער עלטער ווערען פון מענש אבגעטהון, בידוע, אלע תאוות און ליידענשאפ־טען א חוץ די תאוות הממון, די געלד-גייציגקייט, וועלכע פער־שווינדט ביים מענש קיינמאל נישט?

דער רב האט געענטפערט:

— ווייל געלד איז דאך, כידוע, א דבר שבמנין, א זאך, וואס מען צעהלט, און דערפאר גילט אויך אויף איהם דעם אנגענומענער דין, אז „דבר שבמנין אפילו באלף לא בטיל" — ווען א מענש זאל אפילו לעבען טויזענד יאהר, וועט ער אלץ נישט פערלירען די תאוה צו געלד...

.ט

ר' אליה שיק האט אמאל אנגעטראפען אין דער גאס אויף א חברה בעלי-עבירה'ניקעס, וועלכע האבען איהם בעגריסט:

— שלום-עליכם, רבין

דער רב האט זיי אבגעענטפערט:

— איין שלום צו אייך אלען... געמיינט האט ער מיט זיין לאקאנישער צוריק-בעגריסונג דעם פסוק: „אין שלום אמר ד' לרשעים"...

.4

אויף אַ ליטווישען רב, מיט'ן נאָמען ר' ברוך, האָט מען גע־רעדט, אַז ער נעמט שוחד פון די בעלי־דינים בשעת אַ דין־תורה. ווען דער שם־רע האָט דערגרייכט צו ר' ברוכ'ן, האָט ער געזאָגט דערויף אַ גלייכווערטעל:

— ווי אַזוי קאָן דאָס אמת זיין, ווען דאָס איז דאָך אַ בפירושע סתירה צו דער ברכה: „ברוך דיין אמת"?...

האָט געזאָלט דערויף זיך ווייטער אָפּרופען דער קלוגער ר' אליה שיק, וועלכער האָט אויף דעם ר' ברוך געהאַט אַ בייז הארץ:

— די ברכה איז אָבער גוט נור דאַן, ווען אַנ'אַנדערער וואָלט זי געזאָגט אויף איהם...

.5

אין קאָברין איז געווען אַ יוד מיט'ן נאָמען ר' ברוך, אַ גרויסער עם־הארץ, אָבער אויך אַ גרויסער עזות־פנים, וואָס איז געווען בבחינת „הדיוט קופץ בראש". אומעטום אויף יעדער פערזאַמלונג האָט איהר געקאָנט געפינען דעם דאָזיגען אונגעבעטענעם גאַסט זיצען בראש און זאָגען דיעות.

איינמאָל בשעת אַ גרויסער אסיפה וועגען אַ וויכטיגער קהל־זאַך, ביי וועלכער עס איז אויך אָנוועזענד געווען דער רב ר' אליה, האָט דער ר' ברוך זיך ווייטער געזעצט אויבען־אָן און גענומען זאָגען דיעות. האָט דאָס דעם קלוגען רב שטאַרק פערדראָסען און זיך אָבגערופען אַזוי:

— אין פרק שטעהט: שני חכמים בלשון המשנה ברוך... איז דאָך שווער: ווי קומט עפּעס „ברוך" צו די חכמים און צו לערנען בכלל?... איז אָבער דער תירוץ: ברוך געהט אראָבן...

(דער גאון האָט געמיינט, אַז דאָס וואָרט „ברוך" געהט אראָפּ און בעציהט זיך צו די ווייטערדיגע דאָרט שטעהענדע ווערטער „ברוך שבחר בהם וכו'").

.6

ר׳ פנחס׳ל, ר׳ אליהו שיקיס זוהן, וואס האט פערנומען נאכ׳ן פאטערס פטירה דעם כסא הרבנות אין קאברין, איז געווען א גרויסער צדיק, אבער נאך א גרעסערער בטלן, וואס האט קיין שום ידיעה נישט געהאט בהויות העולם. איינמאל האבען אקסענהענד־לער געהאט ביי איהם א דין-תורה וועגען א סכסוך איבער „שטיק־לעך" (אזוי רופט מען בהמות אויף סוחריש לשון). שוין נאכ׳ן גאנצען פסק, פרעגט ר׳ פנחס׳ל דעם עלטסטען דיין ר׳ יעקעלען:

— וואס זענען דאס די שטיקלעך?...

.7

ר׳ פנחס׳לס ווייב האט אמאל געזאגט צו איהר שוויגער, ר׳ אליהו שיקיס אלמנה:

— הערט איהר, שוויגערן וואס פאר א זוהן איהר האט — אזא יאהר אויף מירן אבער וואס פאר א מאן איך האב—אזא יאהר אויף איידן...

.8

אויך פערצעהלט מען פון דעם צדיק-תמים ר׳ פנחס׳ל, אז צוויי בעלי-דינים, תבואה-הענדלער, זענען אמאל געקומען א דין־תורה האבען פאר איהם. זיי ביידע האבען געפיהרט אויף א שיף א גרויסע צאהל זעק מעהל. האט זיך געמאכט א לאך אין דער שיף און דאס אריינגעדרונגענע וואסער האט פערנעצט א סך זעק מעהל

טענה׳ט יעדער פון די בעלי-דינים, אז פערנעצט איז געווארען נישט זיין אייגען מעהל, נאר יענעמ׳ס, דעם צווייטענס. ר׳ פנחס׳ל האט גוט אויסגעהערט די טענות, אריינגעקוקט אין ספרים און זיך אבגערופען צו די סוחרים:

— איהר וועט מיר ענטשולדיגען אין אהערברענגען די שיף, ווייל אנדערש קאן איך אין דעם ענין קיין טאלק נישט דערגעהן...

9.

ווידער דערצעהלט מען פון א דין-תורה, וואָס צוויי יודען, דאָרפס-געהער זענען געקומען האַלטען פאַר איהם. טענה'ט איינער, באשר ער האָט געקויפט פון צווייטען צעהן פעלעכלעך פון ווינטער-פוקסען און בעצאָהלט דערפאַר פאַראויס דאָס געלד, און לסוף האט דער פערקויפער איהם אָבגענאַרט און געגעבען איהם גאָר זומער-פוקסען, וואָס קאָסטען, כידוע, א סך בילליגער.

ר' פנחס'ל האָט גע'פסק'נט, אַז דער מקח בלייבט מקח, נור די פוקסען זאָל מען לאָזען ליגען ביז ווינטער, וועלען זיי ממילא שוין ווערען ווינטער-פוקסען...

יא.

ר׳ שמואל מאהליווער, רב אין ראדאם און ביאליסטאק

1.

אין דער קארלסבאדער קהלה איז אויסגעבראכען א מחלוקת צווישען די קאנסערוואטיווע און ליבעראלע יודען, צוליעב׳ן ווילען פון די לעצטע איינצואָרדנען אין שוהל א כאָר און צו רעפארמירען דאָרט די תפלות א לא גייגער־האלדהיים. אין יענער צייט איז פונקט אהין געקומען קיין קארלסבאד, צוליעב הייל־צוועקען, ר׳ שמואל מאהליווער, וועלכער איז שוין דאן פאפולער געווען אויך אין אויסלאנד פאר א וועלט־חכם, וואס קאן זיך אָריענטירען אין די פערוויקעלטסטע פראגען און פראבלעמען. צו איהם האבען זיך טאקע אויך געווענדעט די קארלסבאדער יודען. פארגעלעגט פאר איהם זייערע טענות און געבעטען איהם ארויסזאגען זיך, ווער פון זיי איז גערעכט.

ר׳ שמואל האט זיך צו די בעלי־דינים אזוי אבגערופען:

— האָרכט אויס דעם פאלגענדען משל. פון איהם וועט איהר אליין זיך קאנען איבערצייגען, ווער פון אייך גערעכט איז:

אין מיין רבנות־שטאדט, אין ביאליסטאק, איז געווען א גרויסער נגיד, וואס האט פערמאגט א סך הייזער און געהאט אויך פיעל קינדער, שענע זיהן און טעכטער. ויהי היום, איז פלוצלינג ביינאכט אויסגעבראכען א ריזיגע שריפה, וועלכע האט אין פערלויף פון א קורצער צייט פערניכטעט דעם נגיד׳ס פערמעגען און איהם געמאכט פאר אניעני ואביון.

זענען צוזאמענגעקומען געזעסען אויף די קופעס אש דער נגיד

מיט זיין בני-בית, זיהן און טעכטער, און אַלע צוזאַמען האָבען זעהר יאָמערליך געוויינט און בעקלאָגט דעם חורבן.

האָט דער נגיד געהאַט אין דער שטאָדט אַ ברודער, אַ בעריהמ-טען מוזיקאַנט, איז ער געקומען טרייסטען דעם ברודער. דערזעהט ער, ווי אַלע יאָמערן און קלאָגען אזוי, רופט ער זיך צו זיי דאַן אָב:

— אַ חרפה, אַ בושה, אזוי דיסהאַרמאָניש צו קלאָגען איך וועל אייך אויסזעצען אין אַ האלב-ראָד און אָנווייזען אייך, ווי אזוי מען בראַכט מיט טאַקט צו קלאָגען דעם פאָלגענדען טרויער-מאַרש: דו, מיין ברודערן-זון יוסף, זאָלסט זיין דער טענאָר, און דו, שמעון, —דער באַס, א. א. וו.

די ארומשטעהענדע מענשען האָבען דעם משוגע'נעם מוזיקאַנט גוט אָנגעזידעלט און פעריאָגט פון דאָרט.

— דאָס אייגענע—האָט פערענדיגט ר׳ שמואל—איז אויך מיט אייך, מיינע ברידער. מיר יודען, וואָס ווערען אין גלות אַזוי פער׳חושכ׳ט און געפייניגט, קומען אין שוהל אריין אויסגיסען אונזער ביטער הארץ פאַר׳ן אַלמעכטיגען אין הימעל. און דאָ קומט איהר, ליבעראַלע יודען, אין מיטען דרינען און האָט נאָר אַ פרעטענזיע: פאַרוואָס מיר דאַוונען נישט מיט טאַקט, אָהן אַ כאָר און קאַפעליע...

אנ׳אפיקורס האָט געפרעגט ר׳ שמואל׳ן: זעהט נור, וואָסערע נאַרישע דינים געפינען זיך אין שלחן-ערוך! אז דער דראָט פון עירוב ליגט אויפ׳ן סאַמען שפּיץ פון דער לחי, איז עס שוין מותר און מען מעג דאַן טראָגען אין שבת; קוים איז ער אָבער פערפעסטיגט אין דער זייט פון דער לחי, איז עס שוין אסור. וואָס איז דער נפקא-מינה?

— און דו, וואָס ביסט שוין יאָ אזוי קאָנסעקווענט און לאָגיש אין אַלעם, — האָט געענטפערט דער רב, — זאָג מיר, כ׳בעט דיך. פאַרוואָס, ווען איינער ווייזט דיר אַ פויסט, מאַכסטו דערפון גאָר קיין וועזען נישט; דאַגעגען ווען ער ווייזט דיר אָבער אַ „פייג״,

שפּירסטו דיך בעלייידיגט? וואָס איז דיר אַ נפקא-מינה, צי דער ג'יאָבער פינגער איז אין דער זייט, צי ר'איז אין דערמיטען?...

3.

צו ר' שמואל מאָהליווער זענען געקומען די בעלי-בתים פון אַ שטעדטעל נעבען ביאַליסטאָק און געפרעגט איהם אַן עצה, צי זיי זאָלען אויפנעמען פאַר אַ רב אַני "אייניקעלי", וואָס קומט אַרויס פון גרעסטען רביישען יחוס, וועלכער פּרעטענדירט אויף זייער כסא-הרבנות. איין חסרון איז אָבער, וואָס ער לאָזט זיך נישט עקזאַמי-נירען אין לומדות, זאָגענדיג דערביי, אַז אַ בן-קדושים איז בעגלויבט אויפין וואָרט, ווען ער זאָגט, אַז ער קען לערנען.

ר' שמואל האָט געענטפערט:

— אונזערע חכמים זאָגען: אם הרב דומה למלאך ד' צבאות יבקשו תורה מפיו. איז דער טייטש אַזוי: אַז אַ רב זאָגט אויף זיך, דאָס ער איז אַ מלאך, אַ קדוש וטהור און וויל דערפאַר ווערען אַ רב, דעמאָלט זאָלט איהר איהם אויספּרובען אין לערנען, צי איז ער נישט אַמאָל אַ צבועק און אַן עם-הארץ...

4.

קיין ביאַליסטאָק איז געקומען אַ דרשן און, ווי דער שטייגער איז, האָט ער געבעטען פון ר' שמואלין אַן ערלויבעניש צו דרש'נען אין שוהל. דער רב האָט פערפיהרט מיט איהם אַ שמועס און איינ-געזעהן, אַז אין מאָראַלישער הינזיכט שטעהט ער זעהר נידעריג און זיין צוועק איז נאָר בלויז די פּאָר גראָשען, וואָס ער וועט בעקומען פאַר דער דרשה, אָדער ווי מ'זאָגט: ער מיינט נישט די הגדה נאָר די קניידליך. ר' שמואל האָט זיך צו איהם דאָן אַזוי אָבגערופען:

— ווי בעוואוסט, הייסט אין די ספרי קבלה דער משפיע דער ייאָס קאָן אויסאיבען אַ'אייגפלוס אויף אַנדערע: "זכר", דאַגעגען די, וואָס ווערען בעאיינפלוסט, הייסען דאָרט: נקיבות. אַזוי אַרום איז אויך דער דרשן בבחינת זכר און די צוהערערס ווייטער —

בבחינת נקיבה, ווייל זיי ווערען בעאיינפלוסט פון זיינע דרשות. דאס איז אבער אלץ נאר דעמאלט, ווען דער דרשן מיינט ווירקליך משפיע צו זיין מיט זיינע מוסר־דרשות אויף די צוהערערס. ווען אבער דער דרשן מיינט נישט די הגדה נאר די קניידליך, זאגט אויף איהם דאן דער פסוק: „כי דורש דמים אותם זכר" — דעמאלט, ווען דער דרשן האט אין זינען נאר דאס געלד פאר דער דרשה, מאכט ער דאן די צוהערער פאר זכרים, ווייל זיי געבען גאר, און ער איז דער מקבל...

.5

קיין ראדאם, וואו ר' שמואל מאהליווער איז געווען רב, איז געקומען א פרעמדער יוד, א שטיק אפעריסט און דערצו אויך נישט קיין קליינער עם־הארץ, וואס האט זיך אנגעגעבען פאר א משולח פון ארץ־ישראל צו זאמלען נדבות פאר א ירושלים'ער־ישיבה. דער־ביי האט זיך דער משולח בסדר בעריהמט, דאס ער האט שוין בע־זוכט די קברים און ציונים פון אלע נביאים, תנאים ואמוראים, וואס געפינען זיך אין ארץ־ישראל. ר' שמואל, וואס האט פון ערשטען בליק דערקענט אינים משולח א רמאי, האט געוואלט אויספּרובען צי זיין חשד איז בעגרינדעט און געפרעגט דעם משולח:

— צי זענט איהר, ר' יוד, געווען אויך אויפ'ן תנא קמא'ס קבר?...

— אוודאין געווען, געווען וואס דען?... — האט געענטפערט דער משולח.

דער רמאי איז אזוי ארום דעמאסקירט געווארען.

.6

בשעת ר' שמואל מאהליווער האט צוליעב א כלל־זאך גע־ווייל אין וויען, האט ער זיך דארט צוזאמענגעטראפען מיט א בע־ריהמטען פוילישען חסידישען רבי. דער רבי האט געמאכט א פאר־

שלאָג צו געהן ביידע אין קייזערליכען וויענער טעאַטער אַביסעל אַמוזירען זיך. ר׳ שמואל האָט איהם געענטפערט:

— איהר זענט, כידוע, אַ חסידישער רבי. אין וויען, וואו עס איז אָבער נישטאָ קיין חסידים, זענט איהר ממילא אויס רבי און מעגט דערפאַר טהון אַלץ, וואָס אייער הארץ גלוסט. איך דאַגעגען בין ווייטער נאָר א רב, טאָ אומעטום, וואו עס געפונען זיך נאָר יו-דען, בין איך אַלץ רב. און אַזוי ווי אין וויען זענען אויך דאָ יודען, טאָ קאָן איך אויך דאָ נישט געהן אין טעאַטער אריין...

7.

אויף די רבנים, וואָס זענען מחלל-השם און קויפען דאָס כסא-הרבנות מיט געלד, האָט ר׳ שמואל מאַהליוער געזאָגט, אַז אויף זיי זאָגט דאָס די גמרא: כל ת״ח שאין בו דעה נבילה טובה הימנו (אַ תלמיד-חכם, וואָס האָט נישט קיין פערשטאַנד, איז אַ נבילה בעסער פאַר איהם). וואָרום אַפילו דער, וואָס וויל קויפען אַ נבילה צוליעב איהר פעל, מוז דאָך אויך דערפאַר בעצאָהלען געלד, און דאָ קומט גאָר אַזאַ אויבענדערמאָנטער תלמיד-חכם און צאָהלט גאָר **צו** געלד...

יב.

דער קעלעמער מגיד ר' משה יצחק דרשן

1

דער קעלעמער מגיד האט געוואלט אין שבת נאכמיטאג זאגען א דרשה אין א מזרח-פרייסישער שטאדט. האט ער געהייסען דעם דארטיגען שמש רופען די יודען אין שוהל אריין צו דער דרשה. דער שמש איז צוריקגעקומען ליידיג און דערצעהלט, אז אלע יודען זענען יעצט פערזאמעלט אין א געוויסען הויף, וואו עס קומט-פאר א גרויסע ליציטאציע. פארנאכט, ווען די יודען האבען זיך שוין געהאט אבגעפערטיגט מיט דער ליציטאציע און געקומען אין שול דאווענען מנחה, האט דעמאלט דער מגיד אנגעהויבען זיין דרשה מיט'ן פסוק: „קול אומר קרא—א קול זאגט צום שמש: רוף די יודען אין שול אריין! ואומר מה אקרא כל הבשר חציר—ענטפערט דער שמש: וואס וועט העלפען מיין רופען, אז אלע יודען זענען גאר יעצט פערזאמעלט אין א הויף. וועט איהר, רבותי, אפשר פרעגען: „חצר"—א הויף איז דאך אהן א „יוד", און אין פסוק שטעהט מיט א „יוד" (חציר)? אויך מיר, רבותי, וואונדערט עס: ווי קומט עפעס א יוד אום שבת אין א הויף אריין אויף א ליציטאציע?...

2.

דער קעלעמער איז געקומען אויף שבועות קיין קעניגסבערג אין מזרח-פרייסען. האט ער דורך מודעות בעקאנט-געמאכט, אז אין ערשטען טאג שבועות וועט ער האלטען א דרשה אין דער גרויסער ק.-שוהל. איז אבער צו דער דרשה געקומען זעהר ווייניג צוהערערס, וייל—האט מען איהם אינפארמירט—די יודישע סוחרים האבען

זיך אין דעם טאָג אַרויסגעלאָזען איבער דער שטאָדט א י נ ז א מ-ל ע ן און אָבנעהמען זייערע חובות פון די קריסטליכע קונים.

— קענטיג—האָט דער מגיד איראָניזירט אין זיין דרשה,—אז די ק. יודען האָבען דאָ א טעות געמאַכט און אויסגעטוישט דעם חג השבועות אויף חג האסיף—דעם יום-טוב פון איינזאַמלען...

3.

דער קעלעמער איז געקומען אין א שטאָדט, וואו דער ראש-הקהל, מיט'ן נאָמען ר׳ מיכאל, איז געווען א מחלל-שבת בפרהסיא. האָט מען איהם דאָרט אָבער פריהער געוואָרענט, אז ער זאָל נישט וואגען צו בעריהרען די שענע מעשים פון דאָזיגען ר׳ מיכאל אין זיין דרשה, ווייל ער קאָן דערפאַר זעהר מיאוס אָבשניידען צוליעב דעם, וואָס דער ראש-הקהל איז א גבר-אלים.

האָט עס דער קעלעמער געמאַכט קלוג און דערצעהלט אין מיטען דרשה אַזא חלום, וואָס איהם האָט כלומרשט מיט א שבת פריהער געחלומ׳ט:

— עס האָט זיך מיר שטאַרק פערגלוסט אין חלום—האָט דער-צעהלט דער מגיד—צו בעקוקען די זיבען הימלען. איך האָב דעריבער געבעטען דעם רבונו של עולם, צו געבען מיר דערויף אַניערלויבעניש. האָט השי״ת נאָך גרויסע תחנונים צוליעב-געטהון מיר די זאַך. ער האָט מיר געגעבען א רשות צו בעזוכען די הימלען, אָבער מיט׳ן תנאי, אז וואָס אַלץ כ׳זאָל דאָרט נישט זעהן, זאָל איך אויף קיין שום זאַך נישט רעאַגירען מיט קיין וואָרט, נור בסדר שווייגען און האַלטען דאָס מויל. וועל איך אָבער יאָ עפענען דאָס מויל, וועט מען מיך דערמאַלט באַלד פון די הימלישע הויכקייטען אַראָבשליידערן, ווי א שטיינדעל אויף דער ערד.

בין איך אַרויף אויף די הימלען און דערזעהן דאָרט אויס-טערלישע זאַכען, ממש סקאַנדאַליעזע מעשים זענען דאָרט פאַר מיינע אויגען אָבגעטהון געוואָרען. איך האָב אָבער געמוזט איבער אַלעם מאַכען א שווייג, מחמת יעדעס מאָל, וואָס כ׳האָב געוואָלט עפענען דאָס מויל, האָט מיך מיין בעגלייטער, א יונג מלאכ׳ל, גע-

וואָרענט און דערמאָנט אין מיין התחייבות. אַזוי בין איך אויסגעגאַנגען גאַנצע זעקס הימלען און גאָרנישט געפֿונען גערעדט. ווען איך בין אָבער צום סוף אָנגעקומען אויך אין זיבעטן הימל, האָב איך דאָרט געזעהן, שטעלט אייך פאָר, נישט קיין אַנדערען, ווי דעם מלאך מיכאל זיצען אין שבת און רויכערען אַ פּאַפּיראָס. דאָ האָט שוין ענדליך געפּלאַצט מיין געדולד און ווען מיין בעגלייטער, זעהענדיג, אַז כ'וויל עפּעס רעדען, האָט מיך ווייטער גענומען דערמאָנען אין דעם אַ.ד. תנאי, האָב איך אויסגעשריגען נישט מיט מיין קול: ווען כ'זאָל אפילו שוין דאָ אויפ'ן אָרט דער'הרג'עט ווערען, וועל איך זיך שוין מעהר יעצט נישט איינהאַלטען. איך מוז אויסשרייען: געוואַלדן יודען, איהר זאָלט וויסען, אַז אייער ראש מיכאל איז אַ פּושע ישראל, ער רויכערט פּאַפּיראָסען אין שבת!...

.4

דער קעלעמער מגיד איז געקומען אין אַ קליין אָסט-פּרייסיש שטעדטעל, וואו ס'האָבען געוואוינט עטליכע מנינים יודען. האָבען די דאָרטיגע בעלי-בתים זיך בעקלאָגט פאַר איהם אויף זייער שוחט, וואָס איז איינציייטיג געווען אויך אַ זייגערמאַכער, אַז ער איז אַ קנאַפּער מומחה אי אין שחיטה, אי אין זייגערמאַכעריי.

דער מגיד האָט די זאַך גוט חוקר-ודורש געווען און אויסגעפונען, אַז די אָנקלאַגעס פון די בעלי-בתים זענען נישט גרונדלאָז. האָט ער זיך דעמאָלט אויסגעדריקט אין זיין דרשה:

— אַ מאָדנעם שוחט האָט איהר דאָ, יודעלעך; ממש אַ להכעיס'ניק. וואָרום שח'ט ער אַ היהנדעל, געהט עס; פעררוכט ער אַ זייגערל — שטעהט עס...

.5

דער קעלעמער מגיד האָט געוואָלט האַלטען אַ דרשה אין קעניגסבערג. ווי כנהוג, איז ער געגאַנגען צום פרעזעס פון דער קולטוסגעמיינדע, וואָס האָט געהייסען ה' פוקס, נאָך אַנ'ערלויבעניש. אַזוי

ווי דער מגיד איז געווען הויך-געוויקסיג, האָט ער ביים אריינגעהן צום פּרעזעס זיך געמוזט אָביסעל איינבויגען. דער פּרנס האָט מיט אַ שמייכעלע אויף די ליפּען געפרעגט דעם מגיד:

— איך בין דאָך נישט קיין שר ושופט, טאָ פאַרוואָס בוקט איהר זיך עפּעס צו מיר?

דער מגיד האָט געענטפערט:

- איך ווייס, אַז איהר זענט נישט קיין שר ושופט. אָבער אונזערע חכמים זאָגען דאָך: „תעלא בעידניה סגיד ליה" — איז דער טייטש: ווען אַ פוקס איז פּרעזעס, בוק דיך צו איהם...

.6

אין אַ שטאָדט איז געשטאָרבען אַ גרויסער נגיד און איבערגע-לאָזט נאָך זיך צוויי זיהן, גרויסע הולטאַיעס און פושעים. האָט איהם מספיד געווען דער קעלעמער מגיד בזה הלשון:

— אין פּסוק שטעהט: „בכו בכה להולך", זאָגען אויף דעם די חז"ל: זה ההולך בלא בנים. איז דער טייטש דערפון אַזוי: וויינט, יודעלעך, אויף אַזאַ רייכען טאַטען, וואָס געהט אַוועק פון דער וועלט אַליין און נעהמט מיט זיך נישט מיט זיינע שענע בנים...

.7

דער קעלעמער מגיד איז געקומען אין אַ שטאָדט, וואָס איהרע יודען זענען געווען בעקאַנט מיט זייער האַרטהערציגקייט און קיינ-מאָל נישט אריינגעלאָזט צו זיך אַן אָרימאַן. האָט ער דאָרט גע-דרשנ'ט וועגען דער מצוה פון צדקה, און דערביי געזאָגט דעם משל:

— אַ קלייד האָט, כידוע, אַרבעל, אַ קאָלנער, פאָלעס און קנעפּ. פעהלט פון קלייד איינס פון די זאַכען, איז דאָס קלייד נישט פערפעג-דיגט און דער אייגענטימער שעמט זיך צו קומען אין איהם צווישען מענשען. עס גיבט אָבער אַ פאַל, ווען דאָס קלייד האָט אַלץ און דאָך קען מען זיך דערמיט נישט בענוצען. דאָס איז דאַן, ווען מען האָט דעם שניידער נישט בעצאָהלט קיין שכר מלאכה און ער האָט דער-פאַר נישט אַרויסגעצויגען דעם ווייסען שטאָך-פאָדעם.

דער נמשל דערפון איז אָט דאָס: יעדער יוד דאַרף זיך צוגריי-

טען ביי זיין לעבען א בגד, וועלכען ער וועט אנקליידען אויף יענער וועלט, אריינגעהענדיג אין גן-עדן. און אט דאס קלייד ווערט אויס-געניית אוים די מצוות, וואס א מענש טהוט אויף דער וועלט. האט א מענש פערפעהלט איין מצוה, האט ער דערמיט מחסר געוועןא טהייל פון קלייד. ער וועט דאן האבען א בגד אהן א קאלנער, אדער א פאלע און דער בגד וועט אויף גארנישט טויגען. אבער ווען אפילו א יוד האט שוין געטהון אלע מצוות פון דער תורה און אויסגע-היטען זיך פון יעדער עבירה אין דער וועלט, הייסט נאך אלץ דאס קלייד נישט פארטיג, כל-זמן ער האט נאך נישט בעצאהלט קיין שניידער-געלד. עס שטעקט נאך דאן אין קלייד דער ווייסער פאדעם, און דערפאר וועט עס נישט ראוי זיין צו טראגען, און דער אייגענ-טימער וועט חלילה בלייבען אויפ'ן עולם-האמת נאקעט אהן א קלייד. ווייסט איהר אבער, וועלכעס איז דאס נעה-און-שניידער-געלד? דאס איז די צדקה, וואס מיר גיבען די ארימעלייט. אהן צדקה רבותי, שטעהט אייך פאר צו שעהמען זיך אויף יענער וועלט מיט אייערע קליידער...

8.

דער קעלעמער מגיד האט אויסגעטייטשט דעם מאמר חז"ל: „הוה מתפלל בשלומה של מלכות"—אז יודען ברויכען צו בעטען גאט אין דער צייט, ווען עס הערשט שלום אויף דער וועלט און די מלוכות קעמפען נישט צווישען זיך. ווארום אין צאריסטישען רוס-לאנד האט מען געזעהן, אז אין דער צייט פון א מלחמה האט די רעגירונג, זייענדיג פערנומען מיט די קריעגס-ענינים, צורוה געלאזט די יודען. דאגעגען אין א שלום-צייט האט זי נישט אויפגעהערט כסדר אויסצוטראכטען אלץ נייע גזירות אויף דער יודישער בעפעל-קערונג פון רוסלאנד...

9.

דער קעלעמער מגיד האט געזאגט, דאס דערפאר הייסט יום-כפור אויך יום-כפורים, ווייל ער איז גלייך צו פורים (כפורים — ווי פורים), ווארום אין פורים פערשטעלען זיך יודען פאר גויים, און אין יום-כפור פערשטעלען זיך גויים פאר יודען...

יא

ר׳ ישעיה׳לע פּראגער (מושקאט)

.1

ר׳ ישעיה׳לע פּראגער האָט געהאַט זעהר אַ שלעכט ווייב, אַ שטיק מרשעת, וועלכע האָט אָבער געשטאַמט פון גרעסטען יחוס. האָט זי איהר מאַן, ר׳ ישעיה׳לען, שטאַרק מבזה געווען און געזידעלט איהם מיט די געמיינסטע זלזולים, ווי: פּושע-ישראל, משומד.

ווען איהר פאָטער, זיין שוועהר, איז אַמאָל געקומען צו איהם אויף אַ בעזוך, האָט ר׳ ישעיה׳לע זיך בעקלאָגט, אַז זיין טאָכטער רופט איהם משומד. איז דער אויפגעבראַכטער פאָטער אריין אין דער קיך צו דער טאָכטער און גענומען שטאַרק אויסרעדען זי פאַר אַזאַ נבלה, לייקענט זי אָבער שטיין און ביין. נעהמט אָן דער פאָטער ר׳ ישעיה׳לעס ווייב ביי דער האַנד און פיהרט זי אריין צו איהר מאַן, כדי צו קאָנפראָנטירען זיי ביידע און דערגעהן, ווער עס זאָגט אמת. זאָגט איהר ר׳ ישעיה׳לע גלייך אין די אויגען, אַז זי רופט איהם טאַקי: משומד. ווערט דאָ דאָס ווייב שטאַרק אויפגעבראַכט אויף דער העזה פון איהר מאַן צו פערמסר׳ען זי פאַר׳ן פאָטער און שרייט אויס מיט כעס: און דו, טאַטע, גלויבסט טאַקי דעם משומד, וואָס ער זאָגט?...

.2

די זעלבע אשת חיל האָט אַמאָל אין שבת דערלאַנגט איהר מאַן, ר׳ ישעיה׳לען, אויפ׳ן טיש צום עסען אַ שטיקעל האָן. איז אָבער דער האָן געווען אַלט, מאָגער און הארט, ווי אַ שטיין און ר׳ ישעיה׳-לע האָט דאָס פלייש נישט געקאָנט צעקייען און אראָבשלינגען.

אויפן צווייטען שבת האָט די רביצען געקויפט שוין אַ הוהן און דוקא אַ פעטע, אַ גוטע און דאָס פלייש האָט גוט געשמעקט דעם רב. האָט דאָ די רביצען געפונען אַ גוט געלעגענהייט צו געבען אַ שטאָך־ וואָרט דעם מאַן און רופט זיך צו איהם אָב:

— זעהסטו שוין, מיין מאַן, אַז „ער טויג טאַקי אויף אַ כפרה, אָבער אַ „זי" איז שטענדיג גיט און וואויל.

— אמת — האָט ר' ישעיה'לע געענטפערט, — אָבער ערשט נאָכ'ן טויטן...

.3

די זעלבע רביצין, ר' ישעיה'לע פּראַגערס ווייב, אַ חוץ דעם, וואָס זי איז געווען אַזאַ ארורה, וואָס האָט כסדר פערביטערט איהר מאַנ'ס לעבען, איז זי נאָך געווען דערצו אַנ'אויסערגעוועהנליכע פּריי־ מע און געהאַלטען כסדר אין איין דאַוונען.

ר' ישעיה'לע האָט דערויף אַמאָל בעמערקט, אַז דאָס איז קענ־ טיג די כוונה פון דעם מאמר חז"ל: זכה נעשית לו עזר. לא זכה כנגדו. דער פשט איז אַזוי: האָט דער מאַן זוכה געווען און געקריגען אַנ'אשה טובה, ווערט זי איהם אַנ'עכטע העלפערין: ער „דער מאַן" לערנט און זי דערלאַנגט איהם אין מיטען לערנען אַ גלאָז טיה ער דאַווענט און זי קאָכט איהם אָב דערוויל דאָס אָנבייסען. האָט ער אָבער נישט זוכה געווען און גענומען אַנ'אשה רעה, ווערט זי דאַן זיינס אַ קאָנקורענטין, אַ געגנערין: ער דאַווענט אין דעם ווינ־ קעל און זי געגענאיבער אין צווייטען; ער זאָגט תהלים און זי — מעמדית. פערשטעהט זיך, אַז דעם מאַן פון אַזאַ דאָפּעלטער ארורה איז שוין גאָרנישט דאָ וואָס מקנא צו זיין...

.4

די סעודת שבת האָט אַמאָל ר' ישעיה'לען נישט איבעריג גע־ שמעקט. האָט ער נאָכ'ן עסען אויף אַ דעליקאַטנעם אופן געפרעגט די רביצען וועגען דער סיבה דערפון. האָט זי אַלס ענטפער אָנגע־

הויבען צו שיטען אויפ'ן מאן א מבול מיט קללות. רופט זיך אָב ר' ישעיה'ילע:

— טהוסט דאָך, אשה, שלא כדין: נאָכ'ן עסען ברויך מען בענטשען און דו לבסוף שעלטסט גאָרן...

5.

עס האָט זיך אמאָל פערשפרייט א קלאַנג, אז ר' ישעיה'ילע פּראגער'ס ווייב, די ארורה'דיגע רבי'יצען, איז פּלוצים געשטאָרבען. די נישט-אמת'ע ידיעה האָט זיך דערטראָגען אויך צו א שדכן פון א ווייט פראָווינץ-שטעדטעל, וועלכער האָט באַלד אָנגעשריבען א בריעף צום רב-אלמן און פאָרגעשלאָגען איהם „נכבדות", א זעהר גוטען שידוך, א בת גדולים און דערצו נאָך א גוטע, ווי א טויב. דער רב האָט איהם אָבגעענטפערט מיט'ן פסוק פון תהלים: אני לצלע נכון (צלע מיינט מען אין העברעאישען דאָס ווייב. ד.ה. איך וואָלט גרייט געווען צו נעמען אַנ'אַנדערע פרוי), ומכאובי נגדי תמיד (ליידער לעבט נאָך אָבער מיין צרה און שטעהט מיר כסדר פאַר די אויגען)...

6.

ר' ישעיה'ילע, וואָס, ווי שוין אויבען דערצעהלט, האָט שטאַרק געליטען פון זיין ווייב, האָט געזאָגט, אז אויך פון פסוק איז געדרונגען, דאָס איידער מען געהט חתונה-האָבען, מוז מען זיך גוט אונטערנאַרטלען און מאַכען זיך א הארץ. עס שטעהט אין מלכים: ויתחזק אביהו וישא לו נשים — אביה האָט זיך געשטאַרקט, איידער ער איז געגאַנגען נעמען ווייבער...

7.

א קליינשטעדטעלדיגער רב, וואָס האָט זיך שטאַרק געגרויסט מיט זיין לומדות, האָט אין זיינם א שאלות-תשובה וועגען א גע־

זיסער הלכה, וואס ער האט געשריבען צו ר׳ ישעיה׳לען, אויסגע-דריקט זיך אין א נעגאטיווער פארם וועגען דעם בעוואוסטען הלכה-ספר „מקור חיים״ אויף הלכות פסח פון ליסער גאון מיט די בקיצורי-דיגע ווערטער: „ודלא כמק״ח״ן ישעיה׳לען האט שטארק פערדרא-סען דאס, וואס דער רב איז אזוי שטארק מעיז פנים געגען דעם גרויסען ליסער גאון, האט ער איהם צוריק געשריבען: „נאר בלייבט נאר און מקח בלייבט מקח...

8.

דער גבאי פון פראגער שוהל האט זיך נוהג געווען צו מאכען שבת ביים לייענען הוספות און האט אויפגערופען עולה לתורה זיין מעהר, ווי שבעה קרואים. ווען מען האט איהם אויפמערקזאם געמאכט: פארוואס ער מאכט כסדר הוספות, האט ער געענטפערט, אז ער איז דערמיט אויסען צו פערגרעסערען די הכנסות פון די נדרים און מי שברכ׳ס, פון וועלכע ער איז אויך מפריש א געוויסען חלק אויף צדקה לעניים.

האט דערויף דער פראגער רב בעמערקט, אז דער גבאי איז מקיים דעם פסוק: למען צדקו (צוליעב צדקה לעניים) יגדיל תורה (פערגרעסערט ער די תורה און מאכט הוספות) ויאדיר (-ווידיר-און מאכט נדרים און מי שבירכ׳ס)...

יד.

ר׳ יהושע׳לע קוטנער

1

א דיענסט-מיידעל איז געקומען מוצאי-שבת ביינאכט צו ר׳ יהושע׳לען א שאלה פרעגן, באשר דער בעל-הבית האט אומגערן אויסגעגאסן אביסעל פון דער הבדלה אויף עטליכע טעלערס. האט דער עולם אנוועזענדע גענומען לאכען פון דער נארישער שאלה פון נאאיווען מיידעל און האבען נישט אנדערש גערעכענט, נור, אז דער בעל-הבית האט געוואלט אבשפאסען אביסעל פון איהר און דערפאר זי געשיקט פרעגען אזא נארישקייט.

ר׳ יהושע׳לע האט אבער מיט זיין שארפען שכל יא תופס גע-ווען דעם מהות פון דער שאלה און זיך אבגערופען צו די אנוועזענדע:

— וואס איז מיט אייך דאס געלעכטער? מסתמא האט דער בעל-הבית הבדלה געמאכט נישט אויף וויין, נור גאר אויף מילך און בשעת-מעשה האט ער אומגערן ארויפגעגאסען אביסעל מילך אויף פליישיגע טעלערס.

— נעה אהיים, טאכטערשי, — האט ער זיך געווענדעט צום פערשעמטען מיידעל — און זאג, מען זאל די טעלערס אבשווענקען און סיוועט זיין אלץ כשרן

2.

דער סאבאטער רבי האט דערצעהלט אמאל דעם קוטנער רב פארין רבי ר׳ אלימלכים וועגען, דאס עס וועט קומען א צייט, ווען יעדער יוד וועט זיין בבחינת רבי: ער וועט זיין פרום, אבגעהיטען און האבען רוח-הקודש, ווי א רבי. דערביי האט דער סאבאטער אב-

געזיפצט און אויסגערופען מיט פאטאס, ווי איינער, וואס ווארט אונגעדולדיג אויפ'ן אנקומען פון עפעס גוטס: ומי יתן והיה כל עם ה' נביאים (במדבר י״א כ״ט)?

האט דער קוטנער רב אבער באלד אונטערגעכאפט אין א פרע־גענדיגען טאן די ערשטע ווערטער פון פסוק: ומי יתן? דאס הייסט: אויב אלע וועלען זיין רביים, טא ווער־זשע וועט געבען א פדיון?...

3.

צום קוטנער רב, ר' יהושע'לע איז געקומען א מחבר אנ'עני בדעת און געבעטען איהם, ער זאל געבען א הסכמה אויף זיינ'ם א פלפול חבור.

דער רב האט איהם אבגעזאגט זיין בקשה, מאטיווירענדיג זיין אבזאג דערמיט, וואס ער זעהט נישט, אז די וועלט זאל זיך נויטיגען אין אזעלכע ספרים, וואס זענען נישט א שטייגער ווי א „נודע ביהודה" אדער א „חתם סופר".

— אמת טאקי — האט דער מחבר געענטפערט — אז מיין חבור קאן זיך נישט פערמעסטען מיט'ן „נודע ביהודה", אבער איהר ווייסט דאך, אז מיט יעדען דור ווערען די תלמידי חכמים קלענער אין צאהל און שוואכער אין איכות און דערפאר זאגען אונ־זערע חכמים: יפתח בדורו כשמואל בדורו—דער אונוויסענדער שופט יפתח איז געווען אין זיין דור אזוי גרויס, ווי שמואל הנביא אין זיין דור?

— וואס?—האט דער גאון אויסגעשריגען—איהר גלייכט זיך גאר צו יפתח'ן און האלט, אז אויך ער איז געווען א בור?

— פונוואנען דרינגט איהר ווייטער, אז יפתח איז געווען א תלמיד חכם?—האט דער מחבר שוין חוצפה'דיג צוריקגעענטפערט.

ר' יהושע'לע האט זיך פונאנדערגעלאכט און געוויזען איהם דעם פסוק פון דער תורה: „וכי יפתח איש בור", ארויסרעדענדיג און פערטייטשענדיג איהם בלשון בתמיה: צי איז דען יפתח א בור? א גראבער יונג?...

.4

פון א קליין שטעדטעל לעבען קוטנא זענען געקומען צו ר׳ יהושע׳לען די דאָרטיגע גערער חסידים און אויסגערעדט אויף זייער שוחט, אַנ׳אַלטען פרומען יוד, וואָס אין דער קאָרט איז נישט פּאַר־ האַן, און געבעטען איהם, אַז ער זאָל דערפאַר אסרין זיין שחיטה. ר׳ יהושע׳לע האָט גענומען די זאך חוקר ודורש זיין און איז דער־ גאַנגען, אַז די איינציגע סיבה פון די „גערערס״ שנאה צום שוחט איז נור דערפאַר, וואָס ער איז נישט פון זייער „ספּערע״ און פאַהרט אַנשטאָט קיין גער, גאָר קיין אַלעקסאַנדער. דער גאון האָט דאַן זיך אָבגערופען צו די חסידים: יעצט פערשטעה איך שוין, פאַהוואָס גרייט אָן דער רבונו של עולם פאַר די צדיקים אויף עולם הבא א שור הבור מיט א לויתן. וואָלט דען אייגענטליך נישט גענוג געווען בלויז דער שור הבור אליין? דער תירוץ איז אָבער, אַז דער רבונו של עולם האָט מורא, טאָמער וועלען די גערער חסידים נישט וועלען עסען פון זיין שחיטה, ווייל ער איז נישט קיין גערער חסיד, ד פאַר גרייט ער אָן א לויתן אויך. זאָלען זיי עסען דעמאָלט כאָטש א שטיקעל פיש...

.5

נחום סאָקאָלאָוו דערצעהלט אין איינעם פון זיינע פעליעטאָ־ נען, אז אין קוטנער רבי׳ס צייט איז בעקאנט געווען אין איינער פון די גרויספּויל׳ישע גרענעץ־שטעדט א יונגערמאן, א גרויסער עלוי און חריף. אזוי ווי דער עלוי האָט אליין געשטאמט פון דייטשלאנד, איז ער דערפאר געווען געקליידט אייראָפּעאיש, ריין און ציכטיג, ווי אנ׳אמת׳ער אריסטאָקראט.

איז דער דאָזיגער עלוי אדורכגעפאָהרען אמאָל דורך קוטנא און אָבגעשטאָט א וויזיט ביים קוטנער רב, כדי אדורכצושמועסען זיך אביסעל מיטן גאון אין לערנען. נאָך עטליכע שעה׳ן פערברענ־ גען אין דברי תורה און פלפולים, רופט זיך אָב דער קוטנער רב. וואָס איז שטארק ענטציקט געווען פון דעם עלויים חריפות ובקיאות:

אויב איהר קאָנט יאָ אַזוי שיין לערנען, טאָ פאַרוואָס גיהט איהר עפּעס אין אַזאַ „שוואַרצען הילוך"?

דער יונגערמאַן האָט געדעכט, אַז דער גאון ר׳ יהושע׳לע האָט אודאי דערזעהען עפּעס אַ פלעק אויף זיין מלבוש און דער־פאַר איהם דערויף אויפמערקזאַם געמאַכט, ווי דער דין איז: ת״ח שנמצא רבב על בגדו חייב מיתה – אַ תלמיד חכם טאָר נישט דער־לאָזען אַ פלעק אויף זיין מלבוש. ער האָט דערפאַר גענומען זוכען דעם פלעק אויף זיין ראָק, אָבער אומזיסט: ער איז געווען ריין און ציכטיג ווי אַלעמאָל. ר׳ יהושע׳לע האָט זיך ענדליך אָנגעשטויסען, וואָס דער עלוי זוכט דאָס אַזוי אויף זיינע מלבושים, און זיך אָבגערופען:

איך מיין: פאַרוואָס איהר געהט פּונקט אַזוי ווי די דייטשען אין קורצען. אַזאַ הילוך פּאַסט דאָך גאָרנישט פאַר אַ ן עלוי, ווי איהר זענט.

.6

אויפ׳ן פּסוק פון דער תורה (בחדבר י״א, י׳): וישמע משה את העם בוכה למשפחותיו זאָגט דער מדרש, אַז די זקנים האָבען געוויינט דערפאַר, וואָס די תורה האָט גע׳אסר׳ט די נאָהנטסטע מיטגליעדער פון איין משפחה, ווי אַ שטייגער אַ ברודער מיט אַ שוועסטער, חתונה צו האָבען צווישען זיך. פרעגט דערויף די וועלט אַ קשיא: טאָ פאַרוואָס האָבען גראַדע די זקנים זיך געשפּירט אַמ־מייסטען געטראָפען פון דער עריות-גזירה?

האָט אויף דעם ר׳ יהושע׳לע אַזאַ תירוץ געזאָגט:

דער שטייגער איז, אַז ווען אַ פאָטער אויף דער עלטער ברויך אָנצוקומען צו אַ קינד, איז עס אַ זיהן, זאָגט עס צום פאָטער: וואָס זאָל איך טהון, טאַטעשי? אמת, איך בין טאַקי דיינס אַ זוהן, אָבער מיין ווייב איז דאָך נישט דיינס אַ טאָכטער. זי וועט זיך כסדר צוליעב דיר אַרומקריגען מיט מיר און דער שלום-בית וועט דאַדורך זיין צעשטערט.

איז ווייטער דאָס קינד ביי וועלכען דער אַלטער טאַטע וויל

אויף דער עלטער אויסלעבען זיינע לעצטע יאָהרען, א טאָכטער, מאָטיווירט זי ווייטער איהר אָבזאָג דערמיט, וואָס דער מאַן וועט זיך ערגערען איבערין אלטענ'ס אויפהאַלטען זיך ביי זיי. אזוי ארום האָט דער אלטער קיין אנדער עצה נישט, נאָר צו געהען אין מושב-זקנים אריין. וואָלט די תורה אָבער נישט געאַסר'ט די עריות און א ברידער וואָלט געמעגט נעהמען א שוועסטער פאַר א ווייב, דאַן וואָלט דעם אלטען טאַטען וואויל געווען זיין לעבען אין די לעצטע יאָהרען....

.7

די סיבה פון די זעהר אָפטע קריגערייען און מחלוקות'ן, וואָס ברעכען אויס אין די יודישע שטעדט און שטעדטלעך צווישען רבנים מיט בעלי בתים — האָט ר' יהושע'לע דערקלערט — איז אָט דאָס: ווי בעוואוסט, זאָגט די גמרא, אז די שנאה פון אַמי-הארץ צו א תלמיד חכם איז אזוי גרויס, דאָס ער וויל איהם אזש בייסען, ווי א הונד. כדי אויסצופיהרען די דאָזיגע תאוה, האָבען פערצייטענס די עמי-הארצים חתונה געמאכט זייערע טעכטער פאַר תלמידי-חכמים, אריינגענומען זיי אויף קעסט צו זיך און אזוי-ארום געהאַט די מעגליכקייט צו יעדער צייט צו בייסען א תלמיד-חכם, נישט מורא-האָבענדיג דערביי פאַר קיין געריכט.

האָבען זיך אָבער לעצטענס די עמי-הארצים ארומגעזעהן, אז דער דאָזיגער „תאוה-ביסען" איז צו-טייער פאַר זייערע קעשענעס: עס שמעקט מיט א שענער סומע נדן, חתונה-הוצאות און קעסט, האָבען זיי דעריבער אויסגעפונען א ביליגער מיטעל, ווי אזוי צו קענען בייסען א תלמיד-חכם: עס גרופּירען זיך צוזאַמען אין שטעד-טעל אַלע עם-הארצ'ישע בעלי-בתים און נעמען בשותפות אויף א רב א תלמיד-חכם. זיי צאָהלען איהם אמת עפּעס שכירות, אָבער דערפאַר האָבען זיי וועמען צו בייסען. א וואויל מיטעל און עס האָסט נישט טייערן